YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv07i50

GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 7 Issue 50
December 1925

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 7, Iss. 50)

Keywords

International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments

Justice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/335

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה.
(איוב, כ"ז, 6.)
אן מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר נים אפלאזען.

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע!

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װארקערס יוניאן

Vol. VII. No. 50. New York, Friday, December 11, 1925. פרייטאג, 11טען דעצעמבער, 1925 PRICE 3 CENTS

אינהאלט פארצייכנים

„גערעכטיגקייט" נומער 50.

זייט 2. 18טע קאנווענשאן פון אונזער אינטערנעשאנאל אין פולען גאנג.
זייט 3. קאנווענשאן נייעס.
זייט 4. עדיוקיישאנאל דעפארטמענט. קאנווענשאן נייעס.
זייט 5. פון אנדערע שפראכען — תלוש. אינטערנעשאנאל קאלענדאר — ה. סקולמאן.
זייט 6. רעדאקציאנעלע נאטיצען.
זייט 7. ווארום איך פארלאז מיין פאכטען, אלס רעדאקטאר פון דער „גערעכטיגקייט" — ש. יאנאווסקי. די צוקונפט פון אייראפא — מאקסים גארקי. אין פאק'ס מאן — נחום י.
זייט 8. פרעזידענט זיגמאנ'ס רעדע צו דער ערעפענונג פון דער קאנווענשאן. פ. ב. אקסעלראד — ב. מיכאלעוויטש.
זייט 9. קורצע שמועסען.
זייט 10. טרייד און ארגאניזאציאנס פראגען.
זייט 11. שלוסען און אדווערטייזמענטס.
זייט 12. עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 35 נעהמט זיך צו דער ארבייט — ה. גארען. שלוסען.

18-טע קאנווענשאן פון אונזער אינטערנעשאנאל אין פולען גאנג

די „פראגרעסיווע" סאבאטאזשעווען די קאנווענשאן — זאגט פרעז. זיגמאן. — די זיצונגען אויף דער קאנווענשאן טאג פאר טאג. — דער שעהנער באנקעט פון די פילאדעלפיער לאקאלס לכבוד די דעלעגאטען. — פילע חשוב'ע געסט באגריסען די קאנווענשאן.

פרעזידענט פון דער א. פ. אוו ל. באגריסט די קאנווענשאן פערזענליך

די 18טע קאנווענשאן פון אונזער אינטערנעשאנאל איז נאך איצטער, ווען די שורות ווערען געשריבען, אין איהר פולען גאנג, און מען קען נאך נים זאגען ווען די קאנווענשאן וועט זיך ענדיגען.

ווי מיר האבען שוין אנגעוויזען לעצטע וואך, זיינען די „לינקע" דעלעגאטען, וואס האבען זיך א נאמען געגעבען „פראגרעסיווע קלאוק און דרעס-מאכער", געקומען צו דער קאנווענשאן אפגעזונדערט. זיי זיינען געפאהרען אויף א באזונדער טריין, האבען זיך באזעצט אין א באזונדער האטעל, זיינען געקומען באזונדער, אין ארטש סטריט טעאטער צו דער עפענונג פון דער קאנווענשאן, האלטען זיך גאנץ אפגעזונדערט ביי די זיצונגען אויף דער קאנווענשאן, האבען זיך אנטזאגט צו זיין אינאיינעם מיט די „רעכטע" דעלעגאטען אין די פארשיידענע קאנווענשאן-קאמיטעס, וואס פרעזידענט זיגמאן האט אפאינטעט, האבען זיך אנטזאגט צו זיין אויפ'ן באנקעט, וואס די פילאדעלפיער לאקאלס האבען געגעבען לכבוד אלע דעלעגאטען און געסט צו דער קאנווענשאן, און האבען זיך געמאכט א באזונדער הוליאנקע און האלטען זיך פרעמד און אפגעזונדערט אין אלע פרטים. און עס מאכט דעם איינדרוק, דאס זיי זיינען געקומען צו גאר א באזונדער קאנווענשאן. עס איז דעריבער גאר קיין וואונדער נים, וואס עס האט זיך ארום דער קאנווענשאן פארשפרייט א קלאנג, אז די לינקע דעלעגאטען קלייבען זיך אין גאנצען אוועקצורייסען פון דער קאנווענשאן. לוים דער פרעמדקיים און אפגעזונדערטקיים, וואס זיי האבען דעמאנסטרירט פון דער ערשטער מינוט אן, איז עס געווען א גאנץ לאגישער שלוס. האנדלען זיי דאך די גאנצע צייט פון דער קאנווענשאן ווי זיי וואלטען זיין אויף א פרעמדער חתונה!

ווי עס שיינט אבער, זאל דער קלאנג דאך זיין א פאלשער. עס שיינט נים זיי זאלען ווירקליך מיינען צו פארלאזען אין גאנצען די קאנווענשאן. גיכער איז עס זייער כונה צו זיצען דארט פרעמד און אפגעזונדערט, פארציהען די קאנווענשאן מיט לאנגע, אומנוציגע ספיטשעס, נים לאזען די קאנווענשאן זיך ריהרען פון ארט, און נאכדעם „פראטעסטירען" אז די קאנווענשאן פארציהט זיך צו לאנג.

און אזוי איז עס טאקע געווען דינסטאג, אויף דער זיצונג פון דעם צווייטען טאג פון דער צווייטער וואך פון דער קאנווענשאן. נאכדעם ווי די „לינקע" דעלעגאטען האבען ארויסגערופען לאנגע דעבאטען און אזוי נאך פארצויגען די קאנווענשאן, האט ברודער פארטנאי, דעלעגאט פון לאקאל 22, אנגעפרעגט, ווארום די קאנווענשאן פארציהט זיך.

און פרעזידענט זיגמאן, דער טשערמאן פון דער קאנווענשאן, איז אויף דעם נים שולדיג געבליבען קיין ענטפער. צווישען אנדערעס האט ער ביי דער געלעגענהייט געזאגט:

„א וואך צייט האט איהר, זאגענדיג „פראגרעסיווע", באנוצט זיך מיט דער טאלעראנץ און געדולד פון דער קאנווענשאן און איהר האט גערעדט פאר פייער און פאר וואסער ווענגען יעדער זאך אין דער וועלט, צי עס האט געהאט צו טאן מיט דער קאנווענשאן, צי נים. און איצט קומט איהר נאך מיט טענות פארוואס מען פארציהט די קאנווענשאן. ווער פארציהט די קאנווענשאן אויב נים איהר? וואס איז אייער גאנצע באציהונג אויף דער קאנווענשאן אויב נים א באציהונג פון סאבאטאזש, צוטיילונג און „בול-דאוזינג". אט האט איהר געמאכט א גאנצע אישו פון דער באשטימונג פון די קאמיטעס, און איהר ווייסט, אז אויב איהר האט געהאט וואס אויסצוזעצען נעגען די קא-

(שלוס אויף זייט 2.)

ארבייטסלאזען אינשורענס פאנד פאנגט אן צאהלען נאכ'ן 20טען דעצעמבער

נאך א ליסט פון פירמען וועמעס שאפ-טשערלייט ווערען גערופען אין אפיס פון דעם ארבייטסלאזען אינשורענס פאנד.

לעצטע וואך האבען מיר פארעפענטליכט א ליסט פון פירמען, וועמעס שאפ-טשערלייט עס זיינען גערופען געווארען אין דעם אפיס פון ארבייטסלאזען אינשורענס פאנד, און דאס האט געבראכט דעם געוואונשטען רעזולטאט. די טשערלייט זיינען געקומען, אדער זיי האבען געמאכט יענע פירמען אריינשיקען אין ארבייטסלאזען אינשורענס אפיס דעם רעפארט פון זייער שאפ. אבער דאס איז נאך ווייט נים אלע פירמעס, וואס זיינען הינטערשטעליג אין דעם פרט. און מיר פארעפענטליכען נאך א ליכט מיט נעמען פון פירמען, וועמעס שאפ-טשערלייט עס ווערען גערופען אין אפיס פון אינשורענס פאנד, 122 וועסט 18טע סט. די שאפ-טשערלייט זיינען געבעטען צו קומען אין פארלויף פון דער וואך. דאס איז זעהר וויכטיג. עס איז אין די אינטערעסען פון די ארבייטער פון די דאזיגע פירמען, אין באצוג ארבייטסלאזען אינשורענס.

די צאהלונגען פון ארבייטסלאזען-בענעפיט וועלען זיך אנהויבען נאכ'ן 20טען דעצעמבער. אויב די שאפ-טשערלייט וועלען זעהן מיטהעלפען, אז די פירמען וואס האבען נאך נים אריינגעשיקט זייער רעפארט וועגען פארגאנגענעם סיזאן, זאלען עס באלד טאן. דאס איז דער איינציגער אפהאלט וואס קען פארציהען די צאהלונגען צו די ארבייטסלאזע קלאוקמאכער.

ווי מען לאזט אונז וויסען פון דעם ארבייטסלאזען אינשורענס פאנד, זיינען געמאכט געווארען אייניגע ענדערונגען, וואס וועט זיין לטובה די ארבייטסלאזע קלאוק-מאכער וואס דארפען באקומען אינשורענס בענעפיט. ענדערונגען זיינען געמאכט געווארען, דאס די ארבייטער זאלען באקומען דעם אינשורענס-בענעפיט אהן שוועריגקייטען, אויף א פיל אנגענעמערען אופן ווי לעצטען סיזאן. ווענען די ענדערונגען וועט מעהר באריכות ערקלערט ווערען אין קומענדען נומער פון די „גערעכטיגקייט".

אט איז די ליסט פון די פירמעס, וועמעס שאפ-טשערלייט עס ווערען גערופען אין אפיס פון אינשורענס-פאנד אין פארלויף פון דער וואך:

אבאסבאום גוירלס קאוט קא., 165 וועסט 26טע סט.
איידזשעקס סי. ענד עס. קא., 431 איסט 213טע סט.
מ. ארלאו, 305 זיבעטע עוו.
אסיני בראס., 36 א. 10טע סט.
בי. אי. על. קלאוק קא., 123 וועסט 27טע סט.
בארבער ענד קייגעל, 237 וו. 37טע.
בעל-פען קלאוק קא., 50 א. 9טע סט.
בוירסקאוויץ, 327 בלייק עוו.
בוירנסטיין ענד קא., 121 וו. 27טע.
יודזשין בראזא, 144 וו. 57טע סט.
בלעקינסקי ענד לעווין, 129 וועסט 22טע סטרים.
איזידאר בלאק, 36 א. 9טע סט.
בלאק ענד לעווין, 117 דיוויזשאן סט.
ס. באקסער, 234 וו. 27טע סט.
באיארסקי בראס., 1884 פיטקין עוו. ברוקלין.
ב. בראדסקי, 9 דיוויזשאן סט.
סי. ענד סי. דרעס ענד סוט קא., 1985 וועבסטער עוו.
איזראעל כאוועס, 1256 בעדפארד עוו., ברוקלין.
קאלאדנער חייקין, 142 בלייק עוו., ברוקלין.

(שלוס אויף זייט 12)

דזשאינט באארד אוו סאניטארי קאנטראל פייערט זיין 15 יאהריגען יובילעאום

דער דזשאינט באארד אוו סאניטארי קאנטראל אין דער לײדיס גארמענט אינדוסטריע פייערט איצט זיין 15-יאהריגען יובילעאום. דער יום-טוב וועט געפייערט ווערען דורך א דינער וואס וועט געגעבען ווערען מאנטאג אווענט, דעם 14טען דעצעמבער, אין דעם טאון האל קלאב, 123 וועסט 43טע סט.

דער דזשאינט באארד אוו סאניטארי קאנטראל באשטעהט פון פארטרעטער פון אונזער יוניאן, פארטרעטער פון די ארגאניזירטע מאנופעקטשורערס אין דער לײדיס גארמענט אינדוסטריע און פארטרעטער פון פאבליק. דער באארד איז עטאבלירט געווארען נאכ'ן היסטארישען קלאוקמאכער סטרייק אין יאהר 1910. ער איז געשאפען געווארען אויפצופאסען, אז די שעפער זאלען זיין ריינע, געזונטע און ציכטיג, און זיי זאלען ווי ווייט נאר מעגליך נים זיין קיין פייער-פאסטקעס. דר. דזשארדזש מ. פרייס איז דער דירעקטאר פון דעם באארד.

דזשארדזש גארדאן בעטל, דער טשערמאן פון גאווערנאר סמיטה'ס קאמיסיע, און בערנארד ל. שינטאג, דער ניי-יארקער וועהלטער סיטי קאורט דזשאדזשעס, וועלען געבען אן איבערבליק איבער די טעטיגקייט פון דער אינסטיטוציע אין פארלויף פון די 15 יאהר, וועלכע איז אויסגעשטאנען און איבערגעלעבט די אלע שטורמס וואס זיינען פארגעקומען אין דער אינדוסטריע זינט דעם יאהר 1910. דר. פרייס, דער דירעקטאר, וועט פארלעזען א זעהר אינטערעסאנטען רע-

(שלוס אויף זייט 3.)

א קבלת פנים פאר גענ. אב. קאהאן, רעדאקטאר פון „פארווערטס"

גענאסע אב קאהאן, רעדאקטאר פון „פארווערטס", האט זיך צוריקגעקערט פון א לאנגער רייזע, וואס ער האט געמאכט איבער אייראפא און אין אריענט, הויפטזעכליך פאלעסטינא, וואו עס בויט זיך א אידישע היים.

פון זיין רייזע האט גענאסע קאהאן שוין א סך געשריבען. אבער וויפיל ער האט שוין געשריבען, האט ער נאך אלץ מעהר צו שרייבען און דערצעהלען; ער האט אין זיך איינגעזאפט א מאסע איינדרוקען פון דעם לעבען פון די מענשען, פעלקער און ראסען אין די אלע לענדער וואס ער האט באזוכט, און א טייל דערפון וועט ער דערצעהלען אויף דעם קבלת פנים וואס מען גים איהם דעם זונטאג ביטאג, דעם 13טען דעצעמבער, אין מאנהעטען אפערא הויז, 34טע סטריט, לעבען דער 8טער עוועניו. ביי דעם קבלת פנים וועט זיין פארטראטען די סאציאליסטישע און ארבייטער באוועגונג. די פילע פארעהרער פון גענאסע קאהאן וועלען איהם געבען א הארציגען ברוך הבא! דאס וועט זיין א פאלקס קבלת פנים. גענאסע ב. וולאדעק וועט זיין דער טשערמאן.

צו דער געלעגענהייט וועט געגעבען ווערען א שעהנער קאנצערט. עס וועט דורכגעפיהרט ווערען א מוזיקאלישער פראגראם, וואס וועט זיין פאסיג פאר אזא צוזאמענקונפט. אין דער צייט ווען די שורות ווערען געשריבען, איז נאך נים בא-

(שלוס אויף זייט 4)

שעהנער אפשידס אווענט פאר ש. יאנאווסקי, רעדאקטאר פון די „גערעכטיגקייט“

(שלוס פון זייט 1)

און פון דער באוועגונג בכלל, און אלע צוזאמען האבען פארבראכט א זעהר אנגענעמען אווענט.

ווי דער שטייגער איז, זיינען גע־האלטען געווארען רעדעס, און מאנכע זעהר אינטערעסאנטע, וואס מען וואלט דא געדארפט איבערגעבען, אבער וואו נעהמט מען אזוי פיל פלאץ דערפאר? איהר דארפט וויסען, אז אויף דעם באנ־קעט איז געווען א רעפרעזענטאטיוו פובליקום — אלע וויינע ורעדנער, מענ־שען, וואס קענען עפענען א מויל, און על פי יושר האבען אלע אנוועזענדע גע־דארפט באקומען דאס ווארט. אבער דעמאלס וואלט דער באנקעט געדארפט געדויערען א פאר טעג מיט א פאר נעכט. און ווי דער טאאסט־מייסטער פון אווענט, סעקרעטאר באראף, האט ניט געקארגט און געשפארט, וויפיל ער האט ניט איבערגעוויפט די רעדנער־טא־לאנטען, איז דאך די רעדנער־ליסטע געווען א גאנץ לאנגע, און דער עולם איז ארייננעזעסען ביז שפעט אין דער נאכט אריין. מיר וועלען עס דאריבער מוזען מאכען גאנץ בקיצור.

סעקרעטאר באראף איז געווען דער טאאסט־מייסטער, און א חוץ דעם, וואס ער האט געהאלטען די ערשטע איינליי־טונגס־רעדע, האט ער געהאט געניג ארייצוזאגען ביים פארשטעלען די רעד־נער און צווישען איין רעדנער און א צווייטען, און עס איז געווען לעבעדיג. סעקרע־טאר באראף האט אויף דעם געביט ארויסגעוויזען ניט וויניג טאלאנט.

אין זיין איינלייטונגס־רעדע ווייזט סעקרעטאר באראף אן אויף יאנאוו־סקי'ס פעהיגקייט אלס רעדאקטאר, וואס פאר א קראפט ער איז פאר א צייטונג, און ער דערצעהלט, ווי גליקליך ער האט זיך געפיהלט אין יענער צייט, ווען יא־נאווסקי האט איינגעוויליגט אנצונעה־מען די רעדאקציע פון דער „גערעכטיג־קייט“. ער ווייזט אן אויף יאנאווסקי'ס „שעהן־שרייבען“ אויף זיין „קלוגען ווארט, ווי אויך, וואס פאר א גרויסער פארלוסט עס וועט זיין פאר דער „גערעכטיגקייט“, ווען ער וועט מעהר ניט זיין איהר רעדאקטאר. און ער באדויערט, „וואס מיר מאכען ערשט דורך א משוגענע צייט, וואס האט גע־בראכט צו דעם, ער זאל אונז דארפען פארלאזען.“

דער ערשטער רעדנער איז געווען וויס־פרעזידענט איזראעל פיינבערג. ער ווייזט אן אויף יאנאווסקי'ס וויר־קונג אין דער ארבייטער באוועגונג און אין דער אידישער זשורנאליסטיק. „יא־נאווסקי — זאגט ער — איז א קולט. ער האט געשאפען אן אייגענע ריכטונג. ער איז פאר פילע יאהרען געווען דער גייסטיגער פיהרער פון דער אידישער אנארכיסטישער באוועגונג און איז נאכ־דעם געווארען דער גייסטיגער פיהרער פון דער אינטערנעשאנאל“. ער דער־צעהלט, אז יאנאווסקי האט שוין ניט איין מאל פריהער געוואלט אוועקגעהן, אבער דער גענעראל עקזעקוטיוו באארד האט ניט געוואלט אננעהמען זיין רע־זיגנאציע. ער ווינשט איהם נאך פילע יאהרען פון לעבען און טעטיגקייט אויף דעם געביט, וואס ער וועט זיך אויס־קלייבען צו ארבייטען; און האפט, אז יאנאווסקי וועט זיך ווייטער פארנעה־מען מיט אזא ארבייט, דורך וועלכער ער וועט פרובירען צו מאכען די מענ־שען קליגער און בעסער.

דער צווייטער רעדנער איז געווען וויס־פרעזידענט מאקס אמדור. ער ווייזט אן אויף יאנאווסקי'ס גרויסע מעלות און אויך זיינע חסרונות. ער דענקט, אז ברודער ש. יאנאווסקי איז א צו גרויסע פערזענליכקייט, דאס ער זאל זיך קענען לאנג האלטען אלס רעדאקטאר פון אזא צייטונג, ווי עס מוז זיין אן אפיציעלער ארגאן פון א טרייד־יוניאן. ער דארף פאר זיך הא־בען א גרעסער פעלד.“ און ער ערווארט נאך פון איהם גאר א סך. „יאנאווסקי — זאגט ער ווייטער — איז נאך גאנץ יונג אין גייסט און ער קען נאך א סך אויפטאן צו מאכען די מענשען קליגער און בעסער.“

וויס־פרעזידענט ניננפא איז געווען דער דריטער רעדנער. „אין יאנאווסקי'ן — זאגט ער — האט ער געפונען א מוטיגען פייטער, א בראווען קעמפער, א מענש, וואס איז שטענדיג קאמפפ־לוסטיג און שליידערט יעדען דעם אמת אין פנים אריין. אבער עס זיינען דא גאנץ וויניג מענשען, וואס גלייכען עס, וואס קענען אזעלכעס פארטראגען...“

דער פערטער רעדנער איז געווען מ. פיינסטאון, סעקרעטאר פון די גע־ווערקשאפטען. ער דערצעהלט, אז ער איז יאנאווסקי'ס א תלמיד. ער האט דערקענט יאנאווסקי'ן, וויי‌ענדיג אין ענגלאנד, און ער ווייזט אן, ווי ניצליך יאנאווסקי איז געווען פאר דער אידי־שער ארבייטער באוועגונג אין ענגלאנד און אין אמעריקא. יאנאווסקי האט, זאגט ער, דורך זיין שרייבען און ריידען באגייסטערט טויזענטער אידישע אר־בייטער און זיי אריינגעצויגען אין די סאציאליסטישע רייהען. ער זאגט אויך, אז יאנאווסקי איז פון יענע מענשען, וואס עס פארשאפט פארגעניגען, ווען מען איז מיט זיי פערזענליך באקאנט.

דער נעקסטער רעדנער איז געווען ברודער מ. בלוסטיין, געוועזענער טשער־מאן פון דער דרעסמאכער יוניאן, לא־קאל 22. ער ווייזט אן, אז ער האט פון יאנאווסקי'ן א סך געלערענט, און דאס עס איז א כבוד צו זיין מיט איהם נאהענט באפריינדעט. ער האפט, דאס ער וועט נאך א סך אויפטאן פאר דער ארבייטער־באוועגונג.

עס באקומט דאס ווארט ברודער ליוויי, געוועזענער מענעדזשער פון דער קלאוק אפערייטארס יוניאן, לאקאל 2. ער ווייזט אן, אז יאנאווסקי האט אין פאר־לויף פון זיין פיליאהריגער טעטיגקייט אין דער ארבייטער באוועגונג אויפגע־קלערט א גרויסע מאסע ארבייטער, און ער ווינשט איהם, אז ער זאל דאס פארזעצען פאר נאך פילע יאהרען.

דער נעקסטער רעדנער איז געווען ל. פינקעלשטיין, דער שרייבער פון די שורות, וואס איז באשעפטיגט אין דער „גערעכטיגקייט“ די גאנצע צייט, וואס יאנאווסקי איז געווען דער רעדאקטאר. דער שרייבער פון די שורות קען שוין יאנאווסקי'ן אן ערך פון עט־ליכע און צוואנציג יאהר, און ער גיט א כאראקטער־שילדערונג פון יאנאוו־סקי'ס פיל זייטיגען טאלאנט, פון זיין ווירקונג אויף דער אנארכיסטישער און ארבייטער באוועגונג אין ענגלאנד און אין אמעריקא און פון זיין טעטיגקייט אין עפענטליכען לעבען בכלל. ער ווייזט אן, אז יאנאווסקי, דערזעהט זאכען און ערשיינונגען א סך פריהער, ווי אנדערע, און דאס מאכט, אז דאס רוב קומט איהם אויס צו געהן געגען שטראם, וואס דאס איז א גאנץ שווערע אויפגאבע. דאס ברענגט מעהרסטענטיילס שטיינער אנ־שטאט בלומען, כאטש די ארבייט ווערט געטאן מיט די בעסטע אבאכטען.

אין דעם זעלבען זין האט אויך גע־רעדט ברודער מאקס רעניש, דער מענע־דזשינג עדיטאר פון דער „דזשאסטיס“.

א זעהר איינדרוקספולע רעדע האט געהאלטען פרעזידענט, מארים זיגמאן. „עס איז שווער — זאגט ער — אינ'ם איצטיגען מאמענט איבערצוגעבען אין ווערטער, וואס יאנאווסקי איז געווען פאר דער יוניאן.“ ער ווייזט אן, דאס ער האט זיך געפיהלט באמת גליקלאך, וואס יאנאווסקי איז געווען דער רעדאק־טאר פון דער „גערעכטיגקייט“, און אז עס טוט איהם באמת זעהר לייד, וואס יאנאווסקי געהט אוועק. ער שילדערט די שארפקייט פון יאנאווסקי'ס פעדער און זיין גרויסע פעהיגקייט קלאר ארויסצוברענגען זיינע געדאנקען. „יא־נאווסקי — זאגט ער — האט שטענדיג געוואוסט, וואס ער האט געוואלט, און האט פרינציפען־טריי פארטיידיגט זיין שטאנדפונקט און דעם שטאנדפונקט פון דער ארגאניזאציע. ער איז אימער גע־שטאנען פאר דעם, וואס איז גערעכט און יושר'דיג. אבער ער איז פון גאר פילע שלעכט פארשטאנען געווארען.“ ער ווייזט אן אויף יאנאווסקי'ס אויס־געהאלטענע שטעלונג אין דעם קאמף געגען די קאמוניסטען, וואס האבען עס געמאכט פאר זייער אויפגאבע צו בא־הערשען די יוניאנס.

פרעזידענט זיגמאן זאגט אויך, אז יאנאווסקי האט ניט געדארפט פארלא־זען די יוניאן, דאס ער האט געדארפט בלייבען אויף זיין פאסטען, ביז דער גרויסער עולם וועט דאך קליגער ווערען און וועט ערשט דעמאלס קענען ריכ־טיג אפשאצען יאנאווסקי'ס ארבייט פאר אונזער יוניאן און פאר דער אר־בייטער־באוועגונג אין אלגעמיין.

קורצע אבער געפיהלפולע רעדעס זיי־נען אויך געהאלטען געווארען פון די פאלגענדע פערזאנען: יעקב רייך, מיט־ארבייטער פון „פארווערטס“, מינץ און שויז, פון דער „פרייער ארבייטער שטי־מע“, ברודער קוירצמאן פון לאקאל 9, ברודער אנטאניני מענעדזשער פון דער איטאליענישער דרעס און וועיסט מא־כער יוניאן, לאקאל 89, ברודער אב. סניידער, מענעדזשער פון דער וועיסט גודס ווארקערס יוניאן לאקאל 62, ברו־דער לואיס פינקאווסקי, מענעדזש. פון דער סקוירטמאכער יוניאן לאקאל 23, ה. גרינבערג, מענעדזש. פון דער טשיל־דרענס דרעסמאכער יוניאן לאקאל 91, און מ. ווייס, מענעדזשער פון דער סווים עמברוידערערס יוניאן, לאקאל 6.

דער לעצטער רעדנער איז געווען יאנאווסקי אליין, אין וועמענס כבוד דער באנקעט איז געגעבען געווארען.

ער באדאנקט דעם גענעראל עקזע־קוטיוו באארד פון אונזער אינטערנע־שאנאל פאר דעם כבוד, וואס איז איהם צוגעטיילט געווארען דורך דעם אפ־שידס־באנקעט. דאס איז — זאגט ער — די ערשטע עפענטליכע אנערקענונג, וואס ער באקומט פאר דער גאנצער צייט, וואס ער איז געווען מיט דער יוניאן. ער איז שוין אזוי געוואוינט געווארען צו באקומען שטיינער אנשטאט בלומען, דאס דער באנקעט איז פאר איהם אן אנגענעמע איבעררא‍שונג.

ער ווייזט אן, דאס אלס רעדאק־טאר פון דעם אפיציעלען ארגאן פון איינער פון די גרעסטע און שענסטע ארגאניזאציעס אין אמעריקא און איבער דער וועלט, האט ער געטאן זיין פולע פליכט אי צו דער צייטונג, אי צו די מיטגלידער און באאמטע פון דער אר־גאניזאציע. אז וואס ער איז פון מאנ־כע שלעכט פארשטאנען געווארען — טא איז נאך דערוויל צו דעם קיין רפואה ניטא. ווען איינער נעהמט זיך אונטער צו פרעדיגען דעם אמת אונטער אלע אומשטענדען, קען ער דערפאר קיין בלומען ניט באקומען.

יאנאווסקי האט, פארשטעהט זיך, אויך בעריהרט דעם הויפט־פונקט, וואס עס האט איהם געטריבען צו דעם, ער זאל רעזיגנירען אלס רעדאקטאר, אבער דאס, ווי שוין פריהער באמערקט, וועט זיין געדרוקט אין דער „גערעכטיגקייט“ די קומענדע וואך, אין זיין פערזענלי־כער ערקלערונג צו די מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנאל, וועלכע ערווא־רטען געוויס צו הערען פון איהם, פאר־וואס ער געהט אוועק, פארוואס ער וויל ניט מעהר בלייבען מיט דער יוניאן.

צום שלום דארף נאך געזאגט ווע־רען, דאס איידער סעקרעטאר באראף, דער טאאסטמייסטער, האט געגעבען יאנאוו־סקי'ן דעם ווארט, האט ער איהם אין נאמען פון גענעראל עקזעקוטיוו באארד פון אונזער אינטערנעשאנאל פרעזענ־טירט מיט א זילבערנע „לאווינג קאפ“ אלס אנערקענונג פאר דער ארבייט פאר דער ארגאניזאציע. דערביי איז פאר־געקומען א הארציגע ברידערליכע דע־מאנסטראציע. דער עולם האט אפלא־דירט דעם בעל־שמחה, און אלע האבען זיך אויפגעשטעלט איהם אפצוגעבען כבוד.

ארום און ארום איז עס געווען א שעהנער, אנגענעמער און גענוסרייכער אווענט, וואס די אנוועזענדע וועלען ניט אזוי גיך פארגעסען.

ל. פינקעלשטיין.

א נייער אינטערנעשאנאל לאקאל פון עמבראידערי ארבייטער אין טאראנטא

ברודער ס. פאלאקאף, אינטערנעשא־נאל ארגאנייזער אין טאראנטא, קענעדע, האט מיט א שטיקעל צייט צוריק גענומען פיהרען אן ארגאניזאציאנס־קאמפיין צווי־שען די עמברוידערי ארבייטער פון טא־ראנטא, וועלכע זיינען ביז איצט ניט גע־ווען ארגאניזירט. עס איז געלונגען צו פאראינטערעסירען די ארבייטער און לעצ־טענס איז דארט געגרינדעט געווארען א לאקאל פון אונזער אינטערנעשאנאל. דער לאקאל איז געטשארטערט אונטער'ן נא־מען: „עמברוידערי ווארקערס יוניאן, לאקאל 7 און טאראנטא א. ל. ג. וו. י.“

דאנערשטאג אווענט, דעם 12טען נא־וועמבער, איז דער נייער לאקאל אינסטא־לירט געווארען, און דאס איז געווען א יום־טוב פון דער ארבייטער באוועגונג אין טאראנטא. דאס איז באגריסט געווארען מיט פרייד פון דער ארבייטער באוועגונג אין קענעדע. מען קאן עס זעהן דערפון, וואס צו דעם אינסטאליישאן פון דעם נייעם לאקאל איז געקומען דער פרעזי־דענט פון דעם טריידס קאונסיל פון די טאראנטא'ער יוניאנס, און עס איז אויך געקומען דער וויס־פרעזידענט פון דעם קענעדער טרייד און לייבאר קאנגרעס.

ביידע האבען געהאלטען ווארימע, איינ־דרוקספולע רעדעס און זיינען פון עולם גאנץ ענטוזיאסטיש אויפגענומען געווא־רען.

אויף דעם אינסטאליישאן מיטינג איז אויך געווען א קאמיטע פון דזשאינט באארד באשטעהענד פון די ברידער קיר־זשנער, שאטץ און קראוזמאן. ברודער פאליאקאף האט געהאלטען די אינסטאליי־שאן רעדע. ער האט אינסטאלירט דעם לאקאל אין נאמען פון דער אינטערנע־שאנאל.

נאך אנדערע נייעס פון טאראנטא.

ברודער פאליאקאף האט אנגעפאנגען א באוועגונג צו שאפען אין טאראנטא א מאסען־ארגאניזאציאנס־קאמיטעט, וואס זאל זיך פארנעהמען צו העלפען דער יוניאן ארגאניזירען אלע לײדיס גארמענט ווארקערס פון טאראנטא.

אן אגיטאציע ווערט דארט אויך אנגע־פיהרט אריינצוברענגען אין יענעם מאר־קעט דעם סאניטארי לייבעל, און אויך איינצושטעלען אן ארבייטסלאזען אינשו־רענס פאנד. ווי איהר זעהט, פארנעהמט מען זיך דארט מיט גאנץ פונדאמענטאלע זאכען.

אלע פארבארייטונגען ווערען געמאכט צו צאהלען ארבייטסלאזען אינשורענס

(שלוס פון זייט 1)

וועמעס שאפ טשערליים דארפען אומבא־דינגט קומען אין אפיס פון אינשורענס־פאנד אין פארלויף פון דער וואך:

בלאו ענד סאן, ס., 1613 איסט ניו יארק עוו., ברוקלין.

באגאט און סינבערג, 40 וועסט 22טע סטריט.

בראון און פעים, 140 וו. 23טע סט.

סי. און אר. קלאוק קא., 129 וו. 22טע סטריט.

קאהען בראס., 140 וועסט 22טע סט.

קאהען און אייזענבערג, 151 וועסט 28טע סטריט.

דייווידאף, וומ., 550 זיבעטע עוו.

פ. און ל. קלאוק קא., 56 וו. 22טע סט.

גילסענבערג און גרינבערג, 148 וו. 24טע סטריט.

גאלדשטיין בראס., 140 וו. 22טע סט.

העלמאן סקוירט קא., 152 וו. 26טע סטריט.

האלצמאן און דאן, 27 א. 10טע סט.

ק. מ. ר., 34 וועסט 15טע סטריט.

קאמאן גארמענט קא., 56 וו. 22טע סטריט.

קייאנעס קלאוק און סוט קא., 129 וו. 22טע סטריט.

קעדר און סטיינבערג, 19 וו. 24טע סטריט.

קעסלער און הערסטאן, 119 וועסט 24טע סטריט.

קליין און מאטיסקאף, 115 א. 29טע סטריט.

קאוועגסקי בראס., 2 איסט בראדוויי.

קרינסקי און לעסאם, 127 וו. 27טע סטריט.

לעא מארטין קלאוק און סוט קא., 54 איסט 11טע סטריט.

לעווין און סילווערמאן, 147 וו. 22טע סטריט.

ליכטמאן און סאן, 48 וו. 21טע סט.

ליבערמאן און סאנס, א., 48 וועסט 15טע סטריט.

ליים און גרייטמאן, 138 וו. 22טע סט.

מילשטיין און גראך, 333 זיבעטע עוו.

מאנראו דזשארדאן, 24 וו. 25טע סט.

ניומאן, איזראווינג, 129 וו. 22טע סט.

פ. ר. ר. קלאוק, 22 וו. 15טע סט.

פעקולסקי און שאנטז, 27 א. 10טע סטריט.

ראזענבלום און סאלאמאן, 126 וועסט 22טע סטריט.

ראזען, דזש., 119 וועסט 24טע סט.

רובינשטיין און סארעצקי, 465 ריען סטריט, ברוקלין.

שניידער קלאוק קא., 27 א. 10טע סט.

שעפמאן און סאנס, א., 150 וועסט 22טע סטריט.

שער און קא. (שער און פאזנער), 132 וועסט 21טע סטריט.

ספינארד, ב., 22 וו. 32טע סטריט.

טורקעל, סטאבאפסקי און וועבער, 346 זעקסטע [illegible]ניו.

ווירט קלאוק האוז, 3 וו. 14טע סט.

ווירט און קופערבערג, 80 יוניווערסי־טי פליים.

וואלף קרעגיס, 121 יוניווערסיטי פל.

יאראשאפסקי, א 30 וו. 15טע סט.

זעלקין און יאבלאן, 132 וועסט 21טע סטריט.

זאפפעל און וויטסקין, 150 וו. 22טע סטריט.

פילאדעלפיער ארבייטער פרע־זענטירען זייער שאפ טשערמאן

מיר, די ארבייטער פון וויקטאר'ס לײדיס טיילארינג קא., האבען פרעזענ־טירט אונזער טשערמאן, בר. סעם פי־שער, מיט א גאלדענעם ריסטוואטש, אלס אנערקענונג פאר זיין אויפריכטי־גער און גוטער ארבייט פאר דעם שאפ, און ווינשען איהם דאס צו נוצען גע־זונטערהייט.

סעם קאהן,
אברהם איינשטיין,
קאמיטע.

העלפען. איהר קענט ניט „בולדאוזען"
די קאנווענשאן. איהר קענט זי ניט
טעראריזירען".

די ערקלערונג פון דער קרעדענשעל קאמיטע

אב. סניידער, טשערמאן פון דער
קרעדענשאל קאמיטע, האט דאן ער־
קלערט וואס די אמת'ע אבזיכט איז גע־
ווען פון דער קרעדענשאל קאמיטע,
אריינברענגענדיג דעם רעפארט. ער האט
גערעדט לאגיש, איבערצייגענד און צום
פונקט. „די איינציגע אבזיכט פון דער
קרעדענשאל קאמיטע", האט ער געזאגט,
„איז געווען צו ברענגען איינינקייט אויף
דער קאנווענשאן. מיר האבען געזוכט
אויסצומיידען שטרייט־פונקטען. ביז'ן
לעצטען טאג האבען מיר ניט געוואוסט
אז דער „לינקער" מיטגליד פון דער קא־
מיטע וועט האבען א גענגערישען בא־
ריכט. מיר האבען יא געוואוסט אז ער
קריגט עצות פון אויטסייד, ווייל אלע
מאל ווען ער פלעגט צושטימען צו א
פראגע און ער פלעגט ארויסגעהן צו
דינער אדער איבערנאכט, פלעגט ער קו־
מען צוריק און אנפאנגען אויף דאס
ניי אטאקירען עס. אום צו אויסמיי־
דען אלע קריגערייען האבען מיר בא־
שלאסען ניט צו פארהאנדלען די אב־
דושעקשאנס געגען גאנצע לאקאלס, נאר
מיר האבען איבערגעשיקט די אבדושעק־
שאנס צו דער אפיל קאמיטע. דארטען,
אויב זיי ווילען, קענען זיי מאכען זיי־
ערע קלאגען און עס וועט גאר ניט
שטערען דער קאנווענשאן".

ברודער נאגלער, דעלעגאט פון דער
קאטערס לאקאל 10, דער סעקרעטער פון
דער קרעדענשעל קאמיטע, האט געהאל־
טען איינע פון די שטארקסטע רעדעס
אין דער גאנצער דיסקוסיע. „ווער רע־
פרעזענטירט די מעמבערשיפ?" האט ער
געפרעגט. „איהר קליימט, האט ער זיך
געווענדעט צום לינקען פליגעל, אלעמאל,
אז איהר האט די מעמבערשיפ אין וועסט
פאקעט. אבער וואס זעהן מיר? ווען עס
קומען צו ערוועהלען דעלעגאטען אין א
לאקאל פון 10 טויזענד מעמבערס קריגט
איהר קוים טויזענד מעמבערס צו וואו־
טען, און אין אונזער לאקאל פון 4 טוי־
זענד מעמבערס האבען זיך 12 הונדערט
באטייליגט אין די וואהלען. ווער־זשע
פארטרעט די מעמבערס, מיר צי איהר?
זינט דער לעצטער קאנווענשאן איז אונ־
זער לאקאל געבליבען ניט נאר פונקט
אזוי שטארק און גרויס, נאר האט נאך
געוואונען מעמבערס און קאנטראל אין
די שעפער. קענט איהר דאס זאגען?
קענט איהר באווייזען וואס פאר א קאנ־
טראל איהר האט אין די שעפער? און
איהר זאגט נאך, אז איהר פארטרעט די
מעמבערס, און איהר ווילט אימיצען
איינשמועסען, אז איהר ברענגט די גאנ־
צע גאולה".

ענדלאך איז מען דאך איבערגעגאנגען
צו שטימען איבער דעם רעפארט פון
דער קרעדענשאל קאמיטע. מען האט
געשטימט ביי א „ראל קאל". 158 דע־
לעגאטען האבען געשטימט פאר דעם
רעפארט און 107 דעלעגאטען האבען
געשטימט געגען. דאס איז געווען דער
ערשטער צוזאמענשטויס צווישען „רעכ־
טען" און „לינקען" פליגעל אויף דער
קאנווענשאן און עס האט געוויזען, אז
דער „רעכטער" פליגעל האט אויף דער
קאנווענשאן א סאלידע מאיאריטעט פון
אריבער 50 שטימען. די זיצונג האט זיך
פארצויגען ביז נאך דריי אזייגער און
קיין צווייטע זיצונג האט שוין יענעם
טאג ניט געקאנט זיין, ווייל 5 אזיי־
גער האט דער קאנווענשאן־האל געמוזט
אפגעליידיגט ווערען.

די זיצונגען אויף דער קאנווענשאן דאנערשטאג, דעם 3טען דעצעמבער

דאנערשטאג אין דער פריה, באלד
ווי פרעזידענט זיגמאן האט געעפענט
די זיצונג האט ער פארגעשטעלט שוועס־
טער קעלער, א פארטרעטערין פון די
„יונייטעד טעקסטיל ווארקערס אוו
אמעריקא". זי האט אפעלירט פאר
שטיצע פאר. די העלדישע טעקסטייל
סטרייקערס פון ווילימענטיק, קאנעק־
טיקוט, וועלכע קעמפען געגען דער
„אמעריקאן טהרעד קאמפאניע". דער
טראסט פון פאדעם מאנופעקטשורינג.

וויס־פרעזידענט פאניא מ. קאהן
האט פארגעשלאגען א רעזאלוציע צו
באגריסען די סטרייקער און געבען זיי
פינאנציעלע שטיצע. דער פארשלאג
איז איינשטימיג אנגענומען געווארען.

סעקרעטער צוקערמאן פון דער קעפמייקערס אינטערנעשאנאל באגריסט די קאנווענשאן

פרעזידענט זיגמאן שטעלט פאר סעק־
רעטער־טרעזשורער מאקס צוקערמאן,
פון דער קעפ און מילינערי אינטער־
נעשאנאל. ער דערצעהלט, אז ער האט
זיך צום ערשטען מאל באקאנט מיט די
פיהרער פון די קלאוקמאכער אין 1904.
ער האט אויך דערמאנט, אז אין 1905,
אין צייט פון דעם גרויסען סטרייק אין
קעפ טרייד, איז פרעזידענט שלעזינגער
מיט איהם געפאהרען אין וואשינגטאן
און האט באקומען שטיצע פון דער
אמעריקאן פעדערעישאן אוו לייבאר.
שפעטער האבען זיך אנגעפאנגען די
פייטס מיט די א. וו. וו. זיי האבען
זיך ארויסגעשטעלט פאר די סאמע רע־
וואלוציאנערסטע רעוואלוציאנערען, אין
אין נאמען פון דער רעוואלוציע האבען
זיך אונטער זייער פליגעל אנגעזאמעלט
אלע סקעבס און אויסוואורפען פון טרייד.
איידער די א. וו. וו. האט אנגעפאנגען
איהר טאקטיק פון באפאלען די יוניאנס
און זייערע פיהרער, האט א סקעב ניט
געוואגט צו ווייזען זיין פנים אין די
געגענדען, וואו יוניאן לייט האבען זיך
געפונען, און דער טרייד איז געווען 100
פראצענט ארגאניזירט אין ניו יארק.
אבער נאכדעם ווי זיי האבען געקראגען
דעם הכשר פון „רעוואלוציע" האבען
די סקעבס אויפגעהויבען דעם קאפ און
די יוניאן איז געפאלען אלץ אויף צו־
ריק און צוריק. זיגמאן און לעפקאוויץ,
וועלכע זיינען דאן געווען טעטיג אין
דער א. וו. וו. האבען דאס מעהר ניט
געקענט דולדען און האבען פראטעס־
טירט געגען דער סקעבעריי פון די
זעלבסט־געקרוינטע „רעוואלוציאנערען".
מיט זייער הילף איז די א. וו. וו. צו־
בראכען געווארען און די יוניאנס האבען
צוריק אויפגעבליהט.

ברודער צוקערמאן האט ניט געמאכט
קיין פארגלייך פון די אמאליגע צייי־
טען צו די איצטיגע, אבער ער האט
אפעלירט, אז מען זאל אוועקווארפען
די שענדליכע זידעל־מעטאדען, וואס
גראבען אונטער דעם צוטרויען צו די
יוניאנס און זייערע פיהרער. „יא, קרי־
טיקירען מעג מען", האט ער געזאגט,
„און ס'איז זעהר א געזונטע זאך, אבער
דער אונטערשיד פון קריטיק ביז שמוץ־
ווארפעריי איז פון טאג צו נאכט. דער
וואס ווארפט די בלאטע, טרעפט ניט
נאר זיין געגנער, נאר אויך זיך אליין".
ער האט געענדיגט מיט אן אפיל פאר
אייניגקייט צו באגעגענען דעם אמת'ן
שונא־פון די ארבייטער, די באסעס.

דעלעגאט זימערמאן, פון לאקאל 22,
האט פארגעשלאגען א רעזאלוציע צו בא־
גריסען די קויהלען סטרייקערס פון זיג־
לער, אילינאי, די רעזאלוציע איז איי־
נשטימיג אנגענומען געווארען.

קרעדענשעל קאמיטע פאר־ענדיגט איהר רעפארט

היימאן רופט ארויס א שטורם אויפ־הויבענדיג א פראגע פון איד און קריסט.

ברודער נאגלער, סעקרעטער פון דער
קרעדענשעל קאמיטע, לעזט פאר דעם רע־
פארט פון דער קרעדענשעל קאמיטע. ער
דערצעהלט וועגען געוויסע אבדושעק־
שאנס געגען איינצעלנע דעלעגאטען, ניט
געגען גאנצע לאקאלס, און ער ברענגט
פאר זייער קיים. די דאזיגע אבדושעק־
שאנס זיינען געגען דעלעגאטען אי פון
„רעכטען", אי פון „לינקען" פליגעל. און
דא האט זיך אויף דאס ניי אנגעהויבען
א ווערטער־שלאכט, וואס האט געדויערט
ביז פרייטאג שפעט נאכמיטאג. די קרע־
דענשעל־קאמיטע האט רעקאמענדירט די
דאזיגע דעלעגאטען זאלען צוגעלאזען ווע־
רען, און זיי זיינען צוגעלאזען געווארען.
די ווערטער־שלאכט איז אבער פארגעקו־
מען.

די הויפט שלאכט האט זיך אנגעפאנ־
גען ארום דעלעגאט דאלניק, פון שיקאגא.
ער איז געשיקט געווארען צו דער קאנ־
ווענשאן אלס דעלעגאט פון דעם פוילישען
לאקאל 60, פון שיקאגא. ברודער דאלניק
איז א „רעכטער" און די „לינקע" הא־
בען געוואלט דורכאויס איהם ניט צוצו־
לאזען. אבער די אבדושעקשאנס געגען
דאלניק'ען האבען אין דער אמת'ען ניט
געהאט קיין ממשות. עס איז ניט גע־
ווען קיין גרונט, וואורום ער זאל ניט צוגע־
לאזט ווערען און היימאן האט דאריבער
געמאכט א פארצוויפעלטען שריט, און
דאס האט די זאך נאך ערגער געמאכט.

ווען די קלאגען געגען דאלניק'ען זיי־
נען צוריקגעפאלען, און מען האט שוין
געהאלטען ביים וואוטען, האט היימאן זיך
אויפגעשטעלט און געפרעגט:

„ברודער טשערמאן, איך וויל וויסען,
ווי קען א אידישער דעלעגאט פארטרע־
טען א פוילישען לאקאל?"

דיזע זאנדערבארע פראגע האט געטרא־
פען ווי א דונער־דער גאנצער קאנווענשאן.
וואס הייסט עס, צי קען א איד זיין א דע־
לעגאט פון א פוילישען לאקאל? וואס איז
דאס פאר א פראגע?

די פראגע, וואס היימאן האט גע־
שטעלט, האט גלייך ארויסגערופען א
שטורם צווישען די דעלעגאטען. קריסט־
ליכע דעלעגאטען האבען פראטעסטירט
געגען דער פראגע און די אידישע האבען
אויך ניט געשוויגען. פרעזידענט זיגמאן
איז געווען געצוואונגען צו רופען די דע־
לעגאטען צו ארדנונג, און דאן האט ער
געענטפערט היימאנ'ען ווי פאלגט:

„איך ווייס ניט, אין וועלכען „פרא־
גרעסיווען" שולחן־ערוך איהר האט גע־
לערנט, אז איין נאציאנאליטעט איז אנ־
דערש פון אן אנדערער אין דער ארביי־
טער באוועגונג, אבער מיר, אין דער אינ־
טערנעשאנאל, זיינען אמת'ע אינטערנא־
ציאנאליסטען. דאס איז מיין ענטפער
אויף אייער פראגע".

פרעזידענט זיגמאנ'ס ענטפער איז
באגלייט געווארען פון א לאנגען דויערנ־
דען אפלאוז.

א קורצע צייט שפעטער איז די פרא־
גע וועגען דאלניק'ען גענומען געווארען
צו אן אפשטימונג. די לינקע האבען גע־
שטימט געגען איהם און די רעכטע דא־
פיר, און ער איז אנערקענט געווארען אלס
דעלעגאט פון דעם פוילישען לאקאל 60,
מיט 147 געגען 107 שטימען.

צווייטע זיצונג דאנערשטאג נאכמיטאג

נאכמיטאג איז היימאן געקומען פאר־
טיג מיט אן ערקלערונג, וואס זאל אפ־
שוואכען דעם שווערען איינדרוק, וואס ער
האט געמאכט אין דער פריה. די געלע־
גענהייט האט ער באקומען, ווען עס האט
זיך געהאנדעלט וועגען דעם איטאליעני־
שען דעלעגאט, רעיא, פון לאקאל 38. די
קרעדענשעל־קאמיטע האט אריינגעבראכט
אן איינשטימיגען רעפארט, אז מען זאל
איהם נ י ט צולאזען. די קלאגען גע־
גען איהם זיינען געווען, אז ניט נאר
האט ער אויף אלערליי אופנים באשמוצט
און באליידיגט די פיהרער פון זיין לא־
קאל, נאר ער האט זיי אויך פאר'מסר'ט
פאר'ן דיסטריקט אטארני, און ער האט
מיט זיינע אטאקעס געהאלפען די פאשיס־
טען, ווען עס איז אנגעגאנגען דער פייט
געגען זיי אין דעם גרויסען איטאליעני־
שען ארדען „סאנס אוו איטאלי". אנטא־
ניני, נינפא און אנדערע האבען שארף
און ביטער קריטיקירט די מעשים פון די־
זען דעלעגאט, אבער זיי האבען געזאגט,
אז טראץ דעם ווילען זיי ניט מאכען דעם
אנגעקלאגטען פאר א „מארטירער" און
דערפאר רעקאמענדירען זיי, אז מען זאל
איהם צולאזען.

פארטנאי און היימאן האבען פארטיי־
דיגט דיזען דעלעגאט, און דערביי האט
היימאן געהאט א געלעגענהייט צו ער־
קלעהרען, וואס ער האט געמיינט מיט
זיין פריהמארגענדיגער „ראסען־האס"
פראגע. ער האט געזאגט, אז ער וואלט
געוואוט אפילו פאר א קו־קלוקס־קלעניק
אדער א פאשיסט, אויב נאר די מעמבערס
פון דעם לאקאל וואלטען איהם אויסגע־
קליבען פאר זייער פארטרעטער.

אבער אנשטאט עס „צופיקסען", האט
זיין באמערקונג ארויסגערופען נאך א
גרעסערען שטורם פון אנטריסטונג.

ווען די פראגע איז גענומען געווארען
צום שטימען, האבען 111 דעלעגאטען גע־
שטיצט די רעקאמענדאציע פון דער קרע־
דענשעל קאמיטע, דעם דעלעגאט ניט צו־
צולאזען, און 71 האבען געשטימט פאר
איהם, ער זאל יא צוגעלאזט ווערען.

די קרעדענשעל קאמיטע האט דאן
באריכטעט וועגען אנדערע דעלעגאטען,
געגען וועמען עס זיינען געמאכט געווא־
רען אבדושעקשאנס און זי האט רעקא־
מענדירט, אז מען זאל זיי צולאזען און זיי
זיינען אלע צוגעלאזען געווארען.

סעקרעטאר בארא'ף לעזט פאר באגריסונגען

דאנערשטאג, ווי אלע אנדערע טעג
זינט די קאנווענשאן האט זיך געעפענט,
האט סעקרעטער בארא'ף פארגעלעזען א
גרויסע צאל באגריסונגס־טעלעגראמען,
וואס קומען אן פון ארגאניזאציעס, פון
שעפער און פון איינצעלנע פערזאנען פון
איבער'ן גאנצען לאנד.

דאנערשטאג האבען די דעלעגאטען
אריינגעבראכט 48 פארשידענע רעזאלו־
ציעס. פרעזידענט זיגמאן האט די רעזא־
לוציעס איבערגעשיקט צו די געהעריגע
קאנווענשאן־קאמיטעס, וואו זיי באלאנ־
גען.

דזשאינט באארד און סאניטארי קאנטראל פייערט זיין 15 יאהריגען יובילעאום

(שלוס פון זייט 1)

פארט פון די אלע טעטיגקייטען פון דעם
באארד אין פארלויף פון דער צייט.

דער יוניאן העלטה סענטער איז
ארויסגעוואקסען פון דזשאינט באארד
און סאניטארי קאנטראל. לעצטענס האט
דער באארד צוגעקראגען א נייעם דע־
פארטמענט, דעם „פראפאנים", דעם סא־
ניטארי לייבעל דעפארטמענט, פון וועל־
כען דר. הענרי מאסקאוויץ איז דער
דירעקטאר. דער פראגראם פון דעם
אלעמען וועט באריכטעט ווערען ביים
דינער מאנטאג אווענט.

די פארטרעטער פון פובליק אין דעם
באארד זיינען: דר. וויליאם דזשיי שע־
פעלין, טשערמאן; דר. הענרי מאסקא־
וויץ, סעקרעטערי, און מיס ליליען ד.
וואלד.

דורכ'ן יאהר 1924 זיינען געשאפען
געווארען נאך צוויי דזשאינט באארדס
און סאניטארי קאנטראל — איינער אין
באלטימאר, מערילענד, און א צווייטער
אין טאראנטא, קאנאדע. דר. וו. ה. היר־
וועל, פון דער דזשאהן האפקינס אוני־
ווערזיטעט פון באלטימאר, איז דער
טשערמאן פון יענעם באארד. דר. י.
א. ריילי, פון דעם טאראנטא'ער אוני־
ווערזיטעט, איז דער טשערמאן פון דעם
באארד אין טאראנטא.

די זיצונג פון פרייטאג דעם 4טען דעצעמבער

פרעזידענט זיגמאן עפענט די זיצונג
פרייטאג צעהן אזייגער אינדערפריה.
סעקרעטער בארא'ף לעזט פאר נאך בא־
גריסונג־טעלעגראמען. דעם פריהמארגען
ווערען אויך אריינגעבראכט נאך הונדערט
פארשידענע רעזאלוציעס פון איינצעלנע
דעלעגאטען און פון גאנצע דעלעגאציעס.

די קאנווענשאן ווערט אדרעסירט פון
ברודער ה. יעליס, א פארשטעהער פון
דעם העבארא קאנסאמפטיוו סאניטא־
ריום. דער רעדנער אפעלירט פאר מא־
ראלע און פינאנציעלע הילף פאר דער
אינסטיטוציע.

נאך דעם פאנגט זיך אן א נייע ווער־
טער־שלאכט וועגען דעלעגאט עליאס
מארקס, פון לאקאל 2, און דאס האט
פארנומען די מעהרסטע צייט פון דער
פריהמארגען־זיצונג. געגען דעם דעלע־
גאט איז געמאכט געווארען דערזעלבער
אבדושעקשאן, וואס איז שוין פריהער גע־
מאכט געווארען געגען איהם, ווען ער איז
ערוועהלט געווארען אלס דעלעגאט צום
דזשאינט באארד. א קאמיטע פון דעם
דזשאינט באארד האט דעמאלט אונטער־
זוכט די קלאגע און רעקאמענדירט, ער
זאל ניט צוגעלאזט ווערען, און ער איז
ניט צוגעלאזען געווארען צום דזשאינט־
באארד.

די קלאגע געגען מארקס'ען איז פון
א פאליטישען כאראקטער. ער איז ארע־
טירט געווארען אין א „רעיד" אויף קא־
מוניסטען אין 1919, און אין קאורט האט
ער באהאלטען זיין קאליר, כדי זיך אויס־
צודרייען פון געהן אין פריזאן. ער האט
פאר'ן ריכטער געלייקענט שטיין און ביין
און איז באפרייט געווארען. אין דער
אבדושעקשאן געגען איהם אלס דעלעגאט
צו דער קאנווענשאן ווערט געזאגט, אז
אזא פערזאן דארף ניט האבען קיין צו־
טרויען אין דער ארבייטער באוועגונג און
איז נישט פאסיג צו זיין א דעלעגאט אויף
אן ארבייטער קאנווענשאן.

די רעקאמענדאציע פון דער קרעדענ־
שעל־קאמיטע איז געווען, אז מארקס זאל
צוגעלאזען ווערען. אבער טראץ דעם,
האט זיך וועגען דער קיים פארצויגען א
לאנגע דעבאטע, וואס האט אויף דאס ניי
געשאפען „הייסע בלוט". פאר מארקס'ן
האבען גערעדט מ. רובין און דזש. כארו־
באוויטש פון לאקאל 2, ל. היימאן פון
לאקאל 9 און זימערמאן, פון לאקאל 22,
און דער דעלעגאט אליין האט אויך גע־
האלטען א לאנגע רעדע, צו באווייזען,
אז מיט זיין האנדלונג צו יענער צייט איז
ער נישט באגאנגען קיין פארברעכען „גע־
גען דער רעוואלוציאנערער מאראל". גע־
גען איהם האבען גערעדט: וויס־פרעזי־
דענט פיינבערג, אנטאניני פון לאקאל 89,
פרענד, פון קליוולאנד און נאגלער, פון
לאקאל 10.

אבער, ווי שוין באמערקט, די רעקא־
מענדאציע פון דער קרעדענשעל־קאמיטע
איז געווען, אז מען זאל איהם צולאזען
און דאס איז אנגענומען געווארען.

דאסגלייכען האט די קרעדענשעל קא־
מיטע רעקאמענדירט צוצולאזען דעם
„לינקען" דעלעגאט פון לאקאל 45, ברו־
דער שעס, געגען וועלכען עס איז גע־
מאכט געווארען אבדושעקשאנס, און ער
איז צוגעלאזען געווארען נאר אהן דעבא־
טען

מעטהיו וואהל און האבערמאן אדרעסירען די קאנווענשאן.

אין מיטען פון דער דעבאטע וועגען
מארקס'ען איז אין האל אריינגעקומען
ברודער מעטיו וואהל, וויס־פרעזידענט
פון דער אמעריקאן פעדערעישאן אוו
לייבאר, און ער האט באקומען א ווארימע
אויפנאמע. גערעדט האט ער ביי דער
צווייטער זיצונג, פרייטאג נאכמיטאג.
ער האט געהאלטען א זעהר אינטערע־

18טע קאנווענשאן פון דער אינטערנעשאנאל אין פולען גאנג

(שלוס פון זייט 1)

מיטעס, און איהר וואלט געוואלט האנדלען אויף א יוניאן-מעסיגען שטייגער, האט איהר געקענט מאכען אייערע באמערקונגען צום טשערמאן און בעראטען זיך מיט איהם, פונקט ווי איהר האט געטאן מיט צעהנדליגע פיל וויכטיגערע פראגען. אבער ניין, איהר האט ניט געוואלט האנדלען אויף א ברידערליכען און יוניאן-מעסיגען אופן. איהר זייט געקומען און אויסגעשריען: „מיר וועלען ניט אנטייל נעמען אין אייערע קאמיטעס!“ און דערביי האט איהר נאך געפונען פאר נויטיג צו באליידיגען אייערע אייגענע דעלעגאטען.

„איך וואלט געקענט באווייזען, אז ניט נאר האט איהר געקראגען א גרויסע פארטרעטערשאפט אין אלע קאמיטעס, נאר אויך אז אלע אייערע סטארס געפינען זיך אויף די וויכטיגע קאמיטעס. אלע קאמיטעס זיינען וויכטיג. און איך וואלט עס אייך געקענט באווייזען, נאר ניט דאס בין איך אויסען. איך וויל, אז איהר זאלט וויסען, אז אויב איהר האט ניט געגליכען די קאמיטעס, וואס זיינען באשטימט געווארען, איז פאראן א פונקט אין דער אינטערנעשאנאל קאנסטיטושאן, וואס שרייבט פאר, אז קאמיטעס קענען ערוועהלט ווערען דירעקט פון דער קאנווענשאן. האט איהר כאטש געפרואווט באנוצען זיך מיט דעם דאזיגען פונקט? מיינט עס דען ניט, אז איהר ווילט מאכען אבסטרוקציעס“, סאבאטאזשעווע; די קאנווענשאן? אדער ווילט איהר סטראשען און „בולדאזען“ די קאנווענשאן? זוכט איהר מיט דעם נייע אישום און תרוצים צו בלאפען די מעמבערשיפ?

„פעהיגע און „געוויסענהאפטע מענשען וואלטען אמווייניגסטען געזוכט א וויכטיגע פרינציפיעלע פראגע, צוליב וועלכער צו שפאלטען די קאנווענשאן. אבער וואס פאר א פרינציפ פארטיידיגט איהר דא מיט אייער באיקאט און סאבאטאזש, אויב ניט אייער קליינליכען פערזענליכען האנאר? וואס איז עס וויכטיג, ווער פון אייך עס איז פאראן אויף די קאמיטעס, אזוי לאנג, ווי יעדער דעלעגאט און די גאנצע קאנווענשאן האבען א רעכט צו דיסקוטירען און באשליסען יעדע פראגע פריי און אפען?

„איך וויל, אז איהר זאלט וויסען, אז ניט די קאמוניסטען וועלען דא באשליסען פראגען און פאליסים, נאר די דעלעגאטען אויף דער קאנווענשאן. אייערע סטראשונקעס און „בולדאזען“ וועלען ניט געהן. איך וועל קיינמאל ניט טאן עמוואס צו פארניכטען אדער אפשוואכען דעם פרעסטיזש און דעם איינפלוס פון אונזער יוניאן, און פון דער ארבייטער-באוועגונג און איך אפעליר צו אייך, זאגענאנטע „פראגרעסיווע“, אפצוטרייסלען זיך פון דיזע שטיק און אריינצוווארפען זיך אין דער אמת'ער ארבייט פאר א שטארקער און געאייניגטער יוניאן.“

דר. העגרי מאסקאוויטש באגריסט די קאנווענשאן

דר. העגרי מאסקאוויטש, דער דירעקטאר פון דעם לייבעל דעפארטמענט פון דעם דזשאינט באארד און סאניטארי קאנטראל, האט דינסטאג באגריסט די קאנווענשאן. ער האט אנגעוויזען, ווי ווייט דער ברודער-קריג האט געשעדיגט דעם קאנטראל אין די שעפער. דער „פראסאנים“ לייבעל, וואס די יוניאן האט אויסגעקעמפט, איז אן אויסגעצייכנעטער מיטעל צו קאנטראלירען די דזשאבערס און די מאנופעקטשורערס, האט דר. מאסקאוויטש געזאגט. קיין שאפ, וואס איז ניט קיין יוניאן-שאפ, קען ניט קריגען דעם לייבעל. צוערשט האבען די דזשאבערס און מאנופעקטשורערס ניט געוואלט לאזען, אז מען זאל אריינשיקען מענשען פון דעם סאניטארי באארד אין די שעפער, צו זעהן, צי עס איז פאראן דער לייבעל אויף זייערע גארמענטס. אבער זיי זיינען געווען געצוואונגען נאכצוגעבען עס. ווען די יוניאן האט זיך א נעהם געטאן, האבען זיי געמוזט פאלגען דעם אגרימענט און אפהיטען דעם סאניטארי יוניאן-לייבעל.

דער איינפלוס און כח פון דער יוניאן קען געמאסטען ווערען, לויט דעם נעבדריך פון דעם לייבעל. האט ער געזאגט. פאראיאהרען, אין אקטאבער, 1924, א מאנאט נאכדעם, ווי דער לייבעל איז איינגעפיהרט געווארען, האבען די קלאוק-באסעס געקויפט 716 טויזענט לייבעלס פאר זייערע גארמענטס. אבער דעם יאהר, אין אקטאבער, נאכדעם ברודער-קריג, האבען זיי געקויפט בלויז 383 טויזענט לייבעלס. דאס באווייזט, ווי ווייט די ריסערייען האבען אפגעשוואכט די יוניאן. דאס באווייזט אויך, ווי די באסעס נוצען אויס די ריסערייען פאר זייערע אייגענע צוועקען. די יוניאן קען קיינמאל ניט ערווארטען, אז די באסעס וועלען אפהיטען די סטענדערדס און דעם אגרימענט, סיידען די ארגאניזאציע האלט אן אויג אויף זיי און צווינגט זיי דאס צו טאן, האט דר. מאסקאוויטש געזאגט. דער בעסטער אגרימענט איז ניט ווערט דעם פאפיר, אויף וועלכען ער איז געשריבען, אויב די יוניאן איז ניט פאראייניגט און איז ניט בכח צו צווינגען די באסעס אפצוהיטען איהם.

דר. מאסקאוויטש האט אנגעוויזען, אז דורך די אפיעלס פון דעם סאניטארי באארד האבען פילע סאסייעטי לידיס אנגעפאנגען צו פאדערען דעם „פראסאנים“ לייבעל אין די רייכע סטארס. די גרויסע סטארס זיינען אין פילע פעלע געווען געצוואונגען צו קריגען קליידער מיט דעם יוניאן לייבעל. ער האט אפעלירט, אז די מעמבערס פון דער יוניאן זאלען אויך פאדערען דעם לייבעל, ווען זיי געהען קויפען פרויען-קליידער.

וואס עס איז פארגעקומען אויף דער קאנווענשאן פון אונזער אינטערנעשאנאל טאג ביי טאג

אין די „גערעכטיגקייט“ פון לעצטע וואך האבען מיר בלויז געקאנט באריכטען וועגען דער ערעפענונג פון דער קאנווענשאן, און פון די פארהאנדלונגען דעם ערשטען טאג. איצט געהען מיר ווייטער, פון טאג צו טאג.

דערביי זיינען מיר אביסעל אין א פארלעגענהייט. א טעגליכע צייטונג גיט איבער די נייעס און פאסירונגען יעדען טאג. ביי אונז אבער, קלייבט זיך עס אן, און ווען מיר דארפען אריינגעבען אין איין נומער צייטונג די נייעס און וויכטיגע פאסירונגען אויף דער קאנווענשאן פון עטליכע טעג ווערט שוין ענג אין דער צייטונג. און וואס עס איז נאך ערגער, עס איז פשוט ניטא דער פלאץ אלע אריינצושטעלען. מיר וועלען דעריבער מוזען זיין אויסקליבעריש, אריינגעבען דאס סאמע אינטערעסאנטסטע, און דאס וויכטיגסטע און דאס מאכען אזוי קורץ ווי נאר מעגליך.

דער צווייטער, רעגעלער טאג פון דער קאנווענשאן

מיטוואך אין דער פריה, דער צווייטער טאג פון דער קאנווענשאן, האט זיך אנגעפאנגען מיט א פארטזעצונג פון דער דעבאטע איבער דעם רעפארט פון דער קרעדענשעל קאמיטע. דאס איז געווען די ערשטע שטרייט-פראגע צווישען די צוויי שארף באזונדער אפגעטיילטע פראקציעס אויף דער קאנווענשאן.

מיר האבען שוין אנגעוויזען לעצטע וואך, דאס די „לינקע“ דעלעגאטען האבען זיך אפגעזונדערט פון דער קאנווענשאן, נאך איידער די קאנווענשאן האט זיך געעפענט, און וואס ווייטער האבען זיי זיך אפגעזונדערט אלץ מעהר, גלייך ווי זיי וואלטען זיין דעלעגאטען צו גאר אן אנדער קאנווענשאן, פון עפעס א צווייטער ארגאניזאציע...

דער רעפארט פון דער קרעדענשעל קאמיטע האט אייגענטליך דאס ניט געדארפט ארויסרופען קיינע דעבאטעס. ער האט געקאנט אנגענומען ווערען מיטוואך פונקט ווי ער איז אנגענומען געווארען פרייטאג, נאך צוויי טעג פון שארפע דעבאטען צווישען ביידע פראקציעס, און נאך א סך אויפרעגונג. ווען מען וואלט דינסטאג גלייך געשטימט איבער דעם רעפארט, אהן אירגענד וועלכער דעבאטע, וואלט געווען דער זעלביגער רעזולטאט. די שטימען איבער דעם רעפארט וואלטען געווען פונקט אזוי פאנאנדערגעטיילט אהן א דעבאטע פון א פאר טעג. אבער די „לינקע“ פראקציע האט זיך גלייך א כאפ געטאן אויף די פיס און די דעבאטע האט זיך אנגעפאנגען, א דעבאטע וואס האט געבראכט מיט זיך א סך אויפרעגונג און פארביטערטקייט.

ווי מיר האבען שוין געמעלדעט לעצטע וואך, האט ל. היימאן אנגעפאנגען די דעבאטע. און ער האט אנגעפאנגען ריידען אין אזא טאן, דאס פרעזידענט זיגמאן האט איהם געמוזט אפשטעלען אין מיטען. אבער וויפיל ער האט באוויזען צו ריידען, האט עס ארויסגערופען א גאנצע רייהע רעדנער פון „רעכטען“ פליגעל, צו ענטפערען אויף דער אטאקע, און פון „לינקען“ פליגעל, וואס זיינען איהם געקומען צו הילף.

דער ערשטער, וואס האט באקומען דאס ווארט, איז געווען וויס-פרעזידענט דובינסקי, פון לאקאל 10. היימאן, ווי עס איז שוין געווען באריכטעט לעצטע וואך, האט אויסגערופען, אז זיי וועלען ניט אנערקענען די אפיל קאמיטע פון דער קאנווענשאן, און דובינסקי האט איהם קריטיקירט פאר דער שטעלונג וואס ער האט גענומען. דובינסקי האט געהאלטען א גאנץ שארפע רעדע. צווישען אנדערעס האט ער געזאגט:

„איהר זייט געקומען צו דער קאנווענשאן, אבער וואס זייט איהר געקומען אויב איהר האט ביי זיך באשלאסען ניט צו פאלגען די רעזולטאטען פון דער קאנווענשאן? אויב איך וואלט ניט געוועזען וויליג צו אנערקענען און פאלגען דעם פארלאנג פון דער קאנווענשאן, וואלט איך גאר קיינמאל ניט געקומען אהער, און איהר, אויב איהר ווילט ניט אנערקענען די קאנווענשאן, זאגט עס אפען און פארלאזט זי, פונקט ווי איהר סטראשעט צו טאן. פארלאזט די קאנווענשאן אויב איהר וואגט עס צו טאן, און ענטפערט איהר דער מעמבערשיפ פאר אזא אקט.“

ברודער דובינסקי איז פון רעכטען פליגעל שטורמיג אפלאדירט געווארען פילע מאל אין מיטען פון זיין רעדע און אויך צום סוף.

דער נעקסטער אויפ'ן פלאר איז געווען דזשוליוס פארטנאי, דער סעקרעטער פון לאקאל 22. ער האט אונטערשטיצט היימאנ'ען אין זיין אטאקע אויף די דעלעגאטען פון די „אוט אוו טאון לאקאלס“. אין פארלויף פון זיין רעדע האט ער סטראשענדיג אויסגערופען: „די דזשאינט עקשאן קאמיטע איז נאך דא אויפן פלאץ.“

דער דריטער רעדנער איז אויך געווען פון „לינקען“ פליגעל, ברודער סאשא זימערמאן, דעלעגאט פון לאקאל 22. ער האט גערעדט דיפלאמאטיש און געפרופט אביסעל אפשוואכען די שלעכטע ווירקונג, וואס די סטראשונקעס פון זיינע חברים האבען געמאכט אויף די דעלעגאטען. אין דער זעלבער צייט האט ער אליין אויך געמאכט אנגריפען אויפ'ן גענעראל עקזעקוטיוו באארד. ער האט אויך ניט פארפעהלט צו קריטיקירען די אדמיניסטראציע פון לאקאל 10, פאר די שטעלונג צו די וואהלען פאר ביזנעס איידזשענטס פון דזשאינט באארד אין ניו יארק.

דער נעקסטער רעדנער איז געווען ברודער אנטאניני, מענעדזשער פון דער איטאליענישער ווייסט און דרעסמאכער יוניאן, לאקאל 89.

צווישען אנדערעס האט ברודער אנטאניני געזאגט:

„מיר זיינען אפשר גוטע קריסטען, אבער מיר זיינען ניט גרייט צו דערלאנגען די צווייטע באק ווען מען גיט אונז קלעפ אין דער ערשטער. איהר זאגט, — האט ער זיך געווענדעט צום „לינקען“ פליגעל — אז דא זיינען פאראן דעלעגאטען וואס זיינען „אפאינטעט“ געווארען פון עקזעקוטיוו באארד און ניט פון די מעמבערס. אבער וואס איז מיט אייך? האט איהר ניט אפאינטעט אייערע דעלעגאטען? האט איהר ניט ארויסגעלאזען „סלעיטס“ מיט נעמען, כדי די מעמבערס זאלען פאר זיי וואוטען בלינדערהייט? נאך מעהר, איהר האט דען ניט אפאינטעט די ביזנעס איידזשענטס פאר די איטאליענער? איז עס ניט א פאקט, אז די לאקאלס 2, 9 און 22 האבען פאר אונז ערוועהלט איטאליענער ביזנעס איידזשענטס, וועמען אונזערע מעמבערס ווילען ניט האבען? די גאנצע צייט האבען מיר געהערט איין ווארט: שלום, שלום. גוט, גוט, מיר ווילען האבען פרידען. איהר ווילט אונז אבער „בולדאזען“ און טעראריזירען מיט א דזשאינט עקשאן קאמיטע. מיר זיינען געקומען אהער צו ראטעווען די אינטערנעשאנאל און אויב איהר ווילט דאס ניט טאן, דאן געהט אייך צו אייער דזשאינט עקשאן קאמיטע. איך אפעליר אבער צו סטאפען די פייטס און נעמען זיך אויפבויען אונזער ארגאניזאציע“.

פון „לינקען“ פליגעל האבען וועגען דעם אויך גערעדט מ. רובין, פון לאקאל 2, ראוז ווארטיס, ראוז וואלקאוויטש און פארביאש, פון לאקאל 22. עס האט אויך גערעדט ס. שעלי, פון לאקאל 2. פארביאש און שעלי זיינען מיטגלידער פון דער קרעדענשעל קאמיטע.

ראוז ווארטיס האט גערעדט אין א פיל מילדערען טאן ווי די אנדערע לינקע דעלעגאטען. זי האט ערקלערט, אז זי וויל ניט צווייפלען, אז די מאיאריטעט אויף דער קאנווענשאן איז א געזעצליכע מאיאריטעט, אבער ווי עס זאל ניט זיין, אויב די קאנווענשאן וועט פאסען באשליסע וואס וועלען זיין נעגען דעם פארלאנג פון דער מאיאריטעט מעמבערס, וועלען דאס זיין פאפירענע באשליסע. זי האט אויך קריטיקירט די ארגאניזאציאנס ארבייט פון אוט-אוו-טאון.

וויס פרעזידענט האלפערין, דער מענעדזשער פון דעם איסטערן ארגאניזאציאנס דעפארטמענט, וועלכער האט אנגעפיהרט די ארגאניזאציאנס ארבייט אוט-אוו-טאון, האט אין א שטארקער איינדרוקספולער רעדע אנגעוויזען וויפיל שווערע און געפעהרליכע ארבייט עס איז אוועקגעלעגט געווארען צו ארגאניזירען די אוט-אוו-טאון שעפער. אין קעמדען, האט ער אנגעוויזען, האט מען אנגעפיהרט א ביטערען סטרייק, און א מעמבערקע, א מוטער פון פיר קינדער, איז פארשיקט געווארען אויף אכט מאנאטען אין פריזאן. „ווען זי וואלט געקומען צו דער קאנווענשאן, וואלט איהר זי אויך גערופען א „קינסטליכע“ דעלעגאטקע?“ — האט האלפערין געפרעגט. „פאראן מעמבערס אוט-אוו-טאון ביי וועמען זייער יוניאן-בוך איז הייליגער פון אלץ. זיי ריזיקירען מיט זייערע דזשאבס, אבער זייער געטריישאפט צו דער יוניאן איז ביי זיי טייערער ווי דער דזשאב. וואלטען די באסעס געוואוסט, אז זיי זיינען מעמבערס פון דער יוניאן, וואלטען זיי גלייך פארלארען זייער ברויט“.

„איהר זאגט, מיר האבען פארלארען מעמבערס אוט-אוו-טאון. יא, זיכער. האט איהר דען ניט פארלארען מעמבערס אין ניו יארק? ווייסט איהר דען ניט אז שעפער זיינען פארטריבען געווארען צוריק אין ניו יארק, צוליב דער טעטיגקייט פון דער יוניאן? ווייסט איהר ניט, אז פילע ארבייטער אין מאנכע שטעדטלאך האבען מעהר ניט וואו צו קריגען ארבייט, ווייל זייערע שעפער זיינען שוין דארטען מעהר ניטא?“

האלפערין ווייזט אן אז פארטנאי, וועלכער קריטיקירט די אינטערנעשאנאל פאר וואס זי האט ניט ארגאנירט גענוג מענשען אוט-אוו-טאון, האט אמאל געטרייט ארגאניזירען נוארק און ער האט דארט געשפענדט שווערע טויזענדער און טויזענדער דאלארס. וויפיל האט ער אויסגעטאן פאר די געלד? וויפיל האט ער ארגאניזירט? — פרעגט האלפערין. — אמאל ניט זיך איין צו ארגאניזירען א געגענד און אמאל ניט. אבער, זאגט ער, קומט ניט צוגעהן אין פאלט ניט אן אויף מענשען, ווען איהר ווייסט אז איהר זייט ניט גערעכט.“

אין דער דעבאטע האט זיך אויך באטייליגט ברודער סעם פערלמוטער פון לאקאל 10 און א דעלעגאט פון לאקאל 80, פון באסטאן, וואס מיר געדענקען ניט דעם נאמען.

דער לעצטער רעדנער, א חוץ די בעאמטע פון דער קרעדענשעל קאמיטע, איז געווען ברודער דזשוליוס האכמאן. אין א שארפער רעדע האט ער אנגעוויזען ווי ניט אויפריכטיג די „לינקע“ זיינען ווען זיי טרעטען ארויס געגען די קאונטרי פארטרעטערשאפט. „אפילו אין רוסלאנד“, האט ער ציטירט פון דעם באריכט פון דער ענגלישער דעלעגאציע, „פארטרעטען די קאנטרי דעלעגאטען פיל ווייניגער מעמבערס ווי די שטאדט-דעלעגאטען. פון שטאדט שיקט מען איין דעלעגאט פאר 10 טויזענט מעמבערס. אבער פון די קאנטרי שיקט מען איין דעלעגאט פון ביז דריי טויזענט מעמבערס. און עס איז ניט מעהר ווי רעכט אזוי. סאיז ניט מעהר ווי רעכט, אז יעדער לאקאל זאל האבען א ווארט אין די פארהאנדלונגען פון זייער יוניאן. איהר מאכט אלערליי סטראשונקעס. אבער די סטראשונקעס וועלען אייך ניט

GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office: 3 West 16th St., New York, N. Y.
MORRIS SIGMAN, President — S. YANOFSKY, Editor
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — H. A. SCHOOLMAN, Business Manager
Subscription price paid in advance: $1.00 per year.
Vol. VII. No. 50. New York, Friday, December 11, 1925
Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Post Office at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

פון אנדערע שפראכען

פון מ. ט.

אידיש פון ת ל ו ש.

דער אייביגער כח.

אנהויב קריג בין איך געווען אויפ'ן אינזעל קיפרוס. עס זיינען געשטאנען שטילע הייסע זומער־טעג. עס האבען געפלאקערט בלוטיגע זון־אונטערגאנגען און דער פנים פון ים איז געווען ווי בארעקט מיט ווילעט רויטען סאמעט. טונקעל־רויט האבען אויסגעזעהן די הייגלאך ווײנטרויבען און די ליכטיגע גרינסען ביי די זייטען פון די בערגלאך. עס האבען געשיינט אקעגען דער זון די ווייסינקע קליינינקע הייזקעס דריקענדיג זיך איינע צו דער צווייטער און באהאלטענדיג זיך אין די זילבער גרינע צווייגען פון אליווען־בוימער. דער גאנצער אינזעל האט געאטעמט מיט רוה, שטילקייט און שלאף.

און עס האט זיך ניט געוואלט גלויבען, אז ערגעץ דארטען אין די ווייטע פעלדער דונערען פושקעס, עס גיסט זיך בלוט און עס טראגען זיך קרעכצען און קללות פון שטארבענדע. עס האט זיך ניט געוואלט גלויבען, אז בליהענדע פעלדער ווערען פארוואנדעלט אין וויסטענישען. מען פארברענט שטילע דערפער און מען צושיסט פון הארמאטען גרויסע קונסט־ווערק. אויף וועלכע דער מענשליכער גייסט האט געארבייט הונדערטער יאהרען. עס האט זיך ניט געגלויבט. און דאך האט מען געמוזט גלויבען. אזוי ווי א שווארצער וואלקען אנגעזאפט מיט האס און שנאה איז געבליבען הענגען איבער דער וועלט. עס איז געווארען שווער און א חרפה צו לעבען. עס האט גערייסען דאס הארץ.

איינמאל האב איך מיט מיינע צוויי חברים פארבראכט א גאנצע נאכט אויף די פעלזען־בערגלאך ביים ים. אין דער פריה האבען מיר זיך אומגעקערט אויף דער אפענער טראסע. פון וואנען מען קען זעהן די ווייטע אינזלען אין נעאפאל. איבער איין אינזעל איז דער הימעל געווען אין פייער. דארט, הינטער די בלויע בערג, איז אויפגעגאנגען די זון. מיט א ווייסען רויך האט זיך גערויכערט וועזאוויוס און אויף יענער זייט וואסער אין א העל־בלויען נעבעל האט געדרעמעלט נעאפאל.

ערגעץ אונטען האבען זיך געהערט פרעהליכע שטימען און א געלעכטער. מיר זיינען צוגעגאנגען צו די גראטעס. דארט, צווישען ציטראנען־גערטנער, האט מען געבויט א ווילע. נידעריגער פון דער טעראסע, א קוק טועגדיג אונטען, איז געלעגען א בערגעל גרויע און ווייסע שטיינער. דערביי זיינען געשטאנען א בחור און א פאר מיידלאך. דער בחור פלעגט נעמען א שטיין און עס ארויפלעגען אויף דעם מיידעל'ס קאפ און זי פלעגט אוועקגעהן צו דער געביידע. איבערראשט און באוואונדערט האט אונז איין טרעגערקע, א שלאנקע און א בויגיגע מיט א הויכער ברוסט איז זי געגאנגען לייכט וויגענדיג זיך אויף איהרע שטארקע היפטען און זעהר גראציעז מיט איין נאקעטער האנט, צוהאלטענדיג דעם שטיין, איז זי געגאנגען אזוי שטאלץ ווי זי וואלט געטראגען אויף איהר קאפ ניט קיין שטיקעל פון א גרויסן פעלז, נאר א קייזערליכע קרוין. צוגעגאנגען צו דער געביידע, אראפגעווארפען דעם שטיין און אונטערשפרינגענדיג, זיך אראפגעלאזט אונטען. דער בחור, לאכענדיג און פלאפלענדיג, האט אויסגעקליבען א גרעסערען שטיין און די מיידעל האט עס ווידער לייכט אוועקגעטראגען צו דער ווילע.

מיר האבען שווייגענדיג געקוקט אויף דאס לעבעדיגע בילד. ווען די מיידעל איז צוגעגאנגען צו דער געביידע צום דריטען מאל, האבען מיר ניט אויסגעהאלטען און אנגעהויבען פאטשען בראַווא. די שעהנהייט האט אראפגעווארפען דעם שטיין, אויפגעהויבען דעם קאפ און א שמייכעל געטאן. איהר בראנזעווער, אפגעברענטער פון זון און היץ פנים האט געשיינט, ווי באליכטען פון א רויטען פלאם פון אוונט־רויט. איבער דעם אפגעברענטען שטארקען האלז האבען זיך אין פיר רייען פאנאנדערגעשאטען די האר. זי האט א מאך געטאן צו אונז מיט'ן האנט, און אזא גרויסקייט איז געווען אין דעם זשעסט, אזא שטאלץ און פרייד אויף איהר פנים און אין דער גאנצער פיגור, אזוי ווי צו איהר וואלט באלאנגט דער גאנצער פילפארבינער אינזעל, דער לאזורענער פאס ים און די ווייטע בלויע בערג. עס האט זיך געדאכט, אז איהר גאנצער ווענדען זאגט: וואס איז דער טויט און אייער חרוב מאכען עלץ. אז איך לעב און ארבייט, אז איך שמייכעל צו דער וועלט?

ווי א ווארימער רעגען האט א שפריץ געטאן די פרייד אין הארץ. עס האט זיך געוואלט זינגען א לויב־געזאנג דעם מארגען־רויט, דעם בלויען ים, דער בליהענדער אראמאטנער ערד און דער מיידעל וואס שלעפט גרויע שטיינער אויפ'ן קאפ — זינגען א לויב־געזאנג די לעבעדיגע, שאפענדע קראפט און דער אייביגער שעהנהייט.

מיט'ן עטאפ.

מיר זיינען געגאנגען מיט'ן עטאפ פון איין טורמע צו דער צווייטער. פויערים און ארבייטער, אינטעליגענטען און סאלדאטען, רוסען, פאליאקען, לאטישען און אידען — ווער נאר האט זיך דארט ניט געפונען. אלע זיינען מיר געווען פרעמדע איינער דעם צווייטען און אין דער זעלבער צייט אייגענע און נאהענטע. אונז אלעמען האט איין פיינדליכער כח און האס געטריבען איבער וויסטע פארשנייטע פעלדער. אויפשטעהן פלעגען מיר פאר'ן מארגען־שטערן. קורץ זיינען די ווינטער־טעג אין סיביר. מען קוקט זיך ניט ארום און עס איז שוין אראפגעפאלען א קאלטע בייזע נאכט. מיר פלעגען ארויסגעהן פון די טורמעס ווען פון הינטער די ווייטע וועלדער פלעגט זיך באווייזען א מוטנע רויטע זון. מיר פלעגען זיך שלעפען שווייגענדיג, ווייל דער שטארקער פראסט האט ארויפגעלעגט זיין אייז־קאלטע האנט אויף אונזערע ליפען און ווען עמען האט זיך דאן געוואלט רעדען, נאר פון צייט צו צייט פלעגט אימיצער באמערקען:

— גיב נאר א קוק אויף דיין נאז, אדער אויף דיין באק.

און דאס האט געהייסען, אז ביי אן ארעסטאנט איז אפגעפרארען די נאז, אדער א באק. דעם אפגעפרארענעם פלאץ פלעגט מען אנרייבען מיט שניי און צורעקען מיט א באשליק און דער עטאפ פלעגט זיך ציהען ווייטער, ווייל אזעלכע קלייניגקייטען האט קיינעם ניט פארהאלטען. דער שניי און פראסט האט געקנאקט אונטער אונזערע פיס און אונטער די שליטענס אויף וועלכע עס זיינען געזעסען די קראנקע און וואו עס האבען זיך געפונען אונזערע זאכען. די ווייסע פינקלענדיגע ווייטקייט פלעגט בלענדען די אויגען און עס האט זיך געדאכט, אז קיינער קען גאר ניט אויסמעסטען אזא שטח — אפשר דער ווינט און די וואלקענס וואס טראגען זיך אונטער'ן הימעל...

א סך טעג זיינען מיר געגאנגען. מיר האבען זיך שוין צוגעוואוינט צו דער קופער רויטער זון, צום פראסט און דער פינקלענדיגער ווייטקייט. אין די נאסע קאלטע עטאפען פלעגען מיר זינגען, שמועסען און זיך דינגען מיט די יונגע פרויען, וואס פלעגען אונז ברענגען צו פארקויפען פלייש, ברויט און אנדערע שפייז.

אין וועג האב איך זיך באפריינדעט מיט איינעם א פארשיקטען פאליאק פון ווארשע. תמיד איז געווען אזוי: ווען מען פלעגט קומען אין א טורמע, פלעגען זיך אלע ווארפען צו די נארעס, וועלענדיג פארכאפען בעסערע פלעצער. מען פלעגט זיך קריגען, זידלען, און אמאל האט אויך געהאלטען ביי א געשלעג. און נאר מיר צוויי פלעגען ניט נעהמען קיין אנטייל און רוהיג ווארטען אויף א פרייען פלאץ.

— מען שלאגט זיך, — פלעגט מיט א נוטמוטיגען שמייכעל, אויפהויבענדיג זיינע שטארקע רונדע אקסלען, זאגען מיין חבר. ווען די ארעסטאנטען האבען זיך געווארפען איינער אויפ'ן צווייטען. זיינע רוהיגע קאלטע בלויע אויגען פלעגען צוזעהן, ווי די ליכט פון א ריינעם הימעל אין א זוניגען ווינטער־טאג.

ווען אלע האבען זיך שוין באזורגט, פלעגען מיר פארנעמען צוויי פלעצער, במעט אלעמאל ביים טיר, פון וואַנען עס פלעגט זיך טראגען א קעלט. עס איז אונז ניט געווען באקוועם צו שלאפען, נאר מיר האבען קיינמאל ניט באנוצט אונזער כח צו פארכאפען אן ארט.

עס האט זיך דערנעהנטערט עפעס א יום־טוב, און ווי תמיד פאר א יום־טוב, האט אונז ארומגעכאפט א מארנע אומרוהיגקייט. אלע האבען אויף עפעס געווארט — זאל קומען א פרייד, א ליכטיגער טאג, און אימיצער זאל זיין גוט צו דיר. אין דער פריה פלעגט מען זיך איילען וואס גיכער אין וועג. ווי דארטען, וויט, וואלט אויף יעדערען געווארט א היים מיט אייגענע און נאהענטע, און ניט א פינסטערע טורמע.

ערב דעם יום־טוב בייגאכט האבען מיר ביידע ניט געקענט איינשלאפען און זיך געדרעהט פון איין זייט אויפ'ן צווייטען אין אונזער נאסען פינסטערען ווינקעל, וואו מיר ביידע זיינען געלעגען. באמערקענדיג, אז איך שלאף ניט, האט מיין חבר געזאגט:

— מארגען איז יום־טוב.

— יע.

ער האט א זיפץ געטאן.

— אייערע עלטערען לעבען נאך אין דער היים?

— יע.

— און ברידער און שוועסטער האט איהר אויך?

— נאר א שוועסטער.

— מען ווערט טראכטען וועגען אייך?

— זיכער.

ער האט א זיפץ געטאן:

— און מיר זיינען אט וואו.

אויפ'ן צווייטען טאג זיינען מיר געגאנגען צוזאמען, ווי אלעמאל. מיין חבר האט זיך נעכמורעט. זיינע בלויע אויגען זיינען געווען, ווי אייז איבער פארפרארענע אזערעס.

— א טויטע לאנד! — האט ער בייז א זאג געטאן, ווייזענדיג אויף דער וויסטעניש ארום, וואס איז געווען ארומגעצוימט מיט א ווייטען פאס וואלד.

— אייביג א פארווארפענע ערד, טופע, ווילדע מענשען...

— בעסער רעדט ניט. היינט איז א שרעקליכער פראסט.

— צו אלדי שווארצע יאהר די גאנצע געגענד! מען קען דא אויסגעהן פון קעלט אליין!

דער וועג האט זיך געצויגען פארביי א טייך. אויפ'ן הויכען ברעג האט זיך געזעהן א דערפעל. א גרויער רויך האט זיך געטראגען איבער די דעכער. און פון ווייטען האט זיך געדאכט, אז פון אלטקייט און שוואכקייט האבען זיך די כאטקעס צוגעבויגען צו דער ערד, זיינען פארזונקען געווארען און קיינמאל וועלען זיי ניט אראפווארפען פון זיך די קופעס בלישטשענדיגען שניי.

מיין חבר האט אנגעוויזען אויפ'ן דערפעל.

— אט אין אזעלכע לעכער וועט אויסקומען צו וואוינען. מענשען, קיין מענשען זיינען דאך דארט ניטא!

— איהר ווייסט גארניט — האב איך איהם געענטפערט. — מענשען זיינען אומעטום די זעלבע. איהר וועט דא זיין, וועט איהר זעהן.

— וואס איז דא צו זעהן. נאך ווייניג אונזערע זיינען דא באגראבען אין דער מדבר! ניין, איך וועל ניט בלייבען דא. צוריק אין ווארשע אדער אין אויסלאנד.

ווען מיר זיינען פארביי דאס דערפעל, זיינען פון דארט ארויס צוויי פרויען. זיי האבען געמאכט מיט די הענט און עפעס געשריען. איך מיט מיין חבר האבען זיך אפגעשטעלט. אין גראבע וואליקעס און האלבע פעלצלאך, שווער טרעטענדיג איבער'ן טיפען שניי, זיינען די פרויען צוגעקומען צו אונז. ביידע האבען געטראגען אין די הענט צו גרויסע לאבעם ברויט.

— ארעסטאנטיקעס... נאט אייך אויף יום־טוב... פרישען ברויט — האבען זיי מיט זינגענדיגע שטימען געזאגט.

מיר האבען גענומען דעם ברויט, און מיין חבר האט געוואלט באצאלען, זוכענדיג אין קעשענע עפעס געלט.

איינע פון די פרויען מיט א יונגען רונדען פנים האט דערשראקען גענומען מאכען מיט די הענט.

— וואס טוסטו, וואס טוסטו, ליבער? דאס גיבען מיר אייך אויף יום־טוב. נעם און עס געזונטערהייד.

מיר האבען זיך איבערגעקוקט. א פרייד און א פארשעמטקייט איז געווען אויפ'ן פנים פון מיין חבר. ער איז געווארען בלאס, און זיינע ליפען האבען געציטערט, זיך סטארענדיג עפעס ארויסצוריידען.

פלוצים, ווי נאך א פריהלינגס־רעגען, איז צוגאנגען דער אייז אין זיינע אויגען, און אין זיי האבען זיך באוויזען ווארימע רייגע טרערען...

אינטערנעשאנאל קאלענדאר

פון ה. סקולמאן

היינטיגע וואך מיט 12 יאהר צוריק

אין דער ניו יארקער קלאוק מאכער יוניאן פאנגט זיך אן די בארימטע „הורוויטש אפער", די דזשאינט באארד און דר. הורוויטש ווערען פארקלאגט פון דער מאנופעקטשורערס אסאסיאישאן וועגען געוויסע ארטיקלען וואס דר. הורוויטש האט געשריבען אין דער „נייער פאסט". די אסאסיאישאן ווארענט דאס אויב דער אפיציעלער ארגאן פון דער דזשאינט באארד, וועט אויפהערען די ארבייטער קעגען דער אסאסיאישאן ווי עס ווערט איצטער געטאן קען דער פראטאקאל ווערטער ניט עקזיסטירען און די אסאסיאישאן איז ענטשלאסען איהם אפצוברעכען.

די אסאסיאישאן באקלאגט זיך אויך דאס טראץ דעם וואס דער פראטאקאל פארבאט סטרייקס ביי איינצעלנע מאנופעקטשורערס, לאזט זיך אויס אז אין די דריי יאהר איז פארגעקומען אן ערך פון פיר הונדערט סטרייקס און שולדיג אין דעם זיינען די העצערישע ארטיקלען פון דר. הורוויטש. ביי א מיטינג פון דער באארד אף ארביטרישאן לעזט מר. הענרי דזשעליוס קאהען דער לאיער פון דער אסאסיאישאן, דזשאהן דויטשעס ארטיקלען גענגען דר. הורוויטש וואס זיינען ערשינען אין דעם „לידיעס גארמענט וואירקער" און פיהרט אויס, אז הורוויטש'עס פיהרונג איז א פאלשע און באדויערט וואס פאר די דאזיגע ארטיקלען איז דויטש פארדאמט געווארען דורך א רעזאלוציאן פון דער דזשאינט באארד. דר. הורוויטש ענטפערט מיילהוויז, „זאל די יוניאן אנערקענען דעם פרינציפ צו וועלכען די אסאסיאישאן איז געניינט, דאן וועלען מיר האבען א צענזור אויף אונזער פרעסע, און אונזערע מיטגלידער וועלען געהאלטען ווערען אין אונוויסען וועגען אלעס וואס עס קומט פאר. די „נייע פאסט" איז ניט בלויז א ציימונג, זי איז א געדרוקטער „מיטינג", מיר האבען עטליכע און דרייסיג טויזענד מיטגלידער מיט וועלכע מיר דארפען האבען פארבינדונגען און דער איינציגער וועג זיך צוזאמענצורעדען מיט דרייסיג טויזענד מענשען איז דורך דיזען געדרוקטען „מיטינג", מיר, די באאמטע, וועלכע זיינען אפגעטרעטען געווארען פון די בעל מלאכות צו באשיצען זייערע אינטערעסען זיינען פארפליכטעט זיי אפצוגעבען רעכענונג און עס איז אונזער חוב צו דערצעהלען זיי וואס עס קומט פאר, ווען דאס זאל פארבאטען ווערען וועל איך זיך אפזאגען פון מיין אמט."

מיליאנען מענשען

פארמיידען קראנקהייט פון זייערע הייזער דורך דעם צייטיגען געברויך פון

עקס־לאקס

דער בארימטער מאגען רעגולירער

אויב איהר זייט נים איינער פון יענע מיליאנען, קענט איהר לייכט אויסגעפינען פון די, וועלכע ברויכען עקס־לאקס, וואס עקס־לאקס באדייט. איהר דארפט זיי לאנג נים זוכען, איהר קענט זיי געפינען אויף יעדער שריט און טריט. אויפ'ן גאס, אין שאפ, אין סקול, אין טעאטער, אדער וואו איהר ווענדט זיך נאר קעהרען און ווענדען קענט איהר געפינען עקס־לאקס געברויכער, וואס וועלען אייך דערצעהלען וואס פאר א וואונדערבארער מיטעל עקס־לאקס איז פאר'ן מאגען.

אלע פראגרעסיווע דראגיסטען פארקויפען עקס־לאקס אין 10, 25 און 50 סענט באקסעס.

סאנטע רעדע, באגריסענדיג די קאנווענשאן. „אבער" — זאגט ער — „ניט צוליעב דעם בין איך געקומען". ער האט געזאגט, אז דאס וועט טאן פרעזידענט גרין אליין, ווי ער האט עס טאקע געטאן מיט א טאג שפעטער. דאך אבער האט ער געהאלטען א זעהר שעהנע רעדע. א פארשלאג איז געמאכט געווארען, אז זיין רעדע זאל אינגאנצען אריינגעהן אין די מינוטס פון דער קאנווענשאן, און דער פארשלאג איז איינשטימיג אנגענומען געווארען.

ביי דער זעלבער זיצונג האבען נאך צוויי געסט אדרעסירט די קאנווענשאן, האבערטא האבערמאן, א פארטרעטער פון דער מעקסיקאנער פעדערעישאן אוו לייבאר, און געגאסע ליבערמאן, פון דעם „פייאניר יוטה קעמפ".

די אלע רעדעס זיינען אויפגענומען געווארען מיט א סך אפלאדיסמענטען.

ער האט ערקלערט, אז קיינע רעדעס וועלען ניט געהאלטען ווערען, נאר בלויז א פאר געצעהלטע מענשען וועלען „זאגען" א פאר ווערטער, האט עס דער עולם הארציג באגריסט.

פרעזידענט וויליאם גרין באגריסט די קאנווענשאן

שבת איז געווען בלויז איין זיצונג. סעקרעטער באראף האט פארגעלעזען באגריסונגען און אין מיטען איז אנגעקומען אין האל ברודער וויליאם גרין, דער פרעזידענט פון דער אמעריקאן פעדערעישאן אוו לייבאר, און ער האט באקומען א הארציגע אוואציע. די דעלעגאטען האבען זיך אויפגעשטעלט און איהם אפלאדירט ביז ער איז ארויף אויפ'ן פלאטפארם.

אביסעל שפעטער האט פרעזידענט זיגמאן איהם פארגעשטעלט פאר דער קאנווענשאן. פרעזידענט זיגמאן האט איהם פארגעשטעלט אויף א שעהנעם און ברידערליכען אופן. ער האט איהם פארגעשטעלט אלס איבערגעבענער פריינד פון דער אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט ווארקערס יוניאן.

ווען פרעזידענט וויליאם גרין האט זיך אויפגעשטעלט ריידען, האט ער אויף דאס-ניי באקומען א גרויסע אוואציע. ער האט געהאלטען א מערקווירדיג שעהנע שטארקע און אינטערעסאנטע רעדע, וואס האט געדויערט ארום צוויי שטונדען צייט, און די גאנצע צייט איז דער עולם געזעסען געשפאנט. דאס איז געווען א רעדע, וואס מען הערט ניט אזוי אפט. ער האט גערעדט וועגען דער ארבייטער-באוועגונג אין אלגעמיין און וועגען דער לאגע אין אונזער יוניאן באזונדערס. ער האט זיך אפגעשטעלט אויף דעם סטרייק פון די קוילען-מיינערס און געשילדערט זייער לאגע און זייער ביטער לעבען, און האט אפעלירט צו העלפען זיי געווינען דעם סטרייק.

מיר ווילען דא ניט געבען קיינע קורצע אויסצוגען פון דער מייסטערהאפטער רעדע. מיר ווילען אין די קומענדיגע נומערען פון דער „גערעכטיגקייט" איבערגעבען די גאנצע רעדע.

ווען ער האט פארענדיגט די רעדע, איז געמאכט געווארען א פארשלאג, דאס די רעדע זאל אינגאנצען געדרוקט ווערען אין די מינוטס פון דער קאנווענשאן און אז די רעדע זאל אפגעדרוקט ווערען אין א פאמפלעט און עס זאל געשיקט ווערען צו יעדען מיטגליד פון אונזער אינטערנעשאנאל אין הויז אריין. דער פארשלאג איז איינשטימיג אנגענומען געווארען.

איידער די זיצונג האט זיך געשלאסען, האט פרעזידענט זיגמאן פארגעלעזען א ליסט פון אלע קאמיטעס, און ווער עס איז באשטימט געווארען פאר די פארזיצערס פון די קאמיטעס. דאס פארלעזען פון די קאמיטעס איז אויסגעהערט געווארען מיט פיעל אינטערעס.

איידער די זיצונג האט זיך געשלאסען, האט דעלעגאט זימערמאן, פון לאקאל 22, געמאכט אן ערקלערונג, אז די „לינקע" דעלעגאטען זיינען ניט צופרידען ווי די קאמיטעס זיינען צונויפגעשטעלט געווארען; אז מען האט זיי ניט אריינגעשטעלט אין די קאמיטעס, וואו זיי ווילען זיין, און דעריבער, האט ער געזאגט, וועלען די „לינקע" דעלעגאטען זיך ניט באטייליגען אין די קאמיטעס.

פרעזידענט זיגמאן האט איהם געענטפערט קורץ און שארף: יעדע קאמיטע ווערט אפאינטעט צו טאן יוניאן-ארבייט און די ארבייט פון אלע קאמיטעס איז גלייך וויכטיג פאר דער יוניאן, און וואס פאר יחסנים זיינען זיי, איבערהויפט, וואס זיי ווילען זיך אויסקלייבען, אין וועלכער קאמיטע זיי ווילען זיין און אין וועלכער ניט? אזוי ווי נאכמיטאג איז ניט געווען קיין זיצונג, האט ער אויפגעפאדערט די טשערליים פון די קאמיטעס, זיי זאלען שבת נאכמיטאג און זונטאג איינרופען מיטינגען און זיי זאלען אנפאנגען טאן די קאמיטע-ארבייט.

זיגמאן, באראף און רייזבערג קריגען קליינע מתנות פון א גרויסען ווערטה.

די אראנדזשמענטס-קאמיטע פון די פילאדעלפיער לאקאלס האט באשלאסען צו געבען פרעזענטען די צוויי הויפט-באאמטע פון אונזער אינטערנעשאנאל און דעם מענעדזשער פון זייער דזשאינט-באארד, ברודער רייזבערג, און די מתנות זיינען זיי איבערגעגעבען געווארען אויפ'ן באנקעט.

ברודער פארטער, דער טשערמאן פון דעם קלאוקמאכער דזשאינט באארד פון פילאדעלפיע, האט באקומען דאס ערשטע ווארט. ער האט געזאגט א פאר הארציגע ווערטער, אנוויזענדיג וואס די אינטערנעשאנאל האט געטאן פאר די פילאדעלפיער לאקאלס, און ער האט דערביי איבערגעגעבען פרעזידענט זיגמאן א זילבערנע סיגארעט-קייס, אלס א צייכען פון אנערקענונג.

דאס צווייטע ווארט האט באקומען שוועסטער סטוירן, פון דעם פילאדעלפיער וויסט-און-דרעסמאכער דזשאינט באארד און זי האט איבערגעגעבען א מתנה סעקרעטער-טרעזשורער אב. באראף. די מתנה איז א שעהנער טינטער און, א זייגער צו שטעלען אויף א דעסק.

דאס דריטע ווארט האט באקומען ברודער מ. דארדיק, און ער האט איבערגעגעבען, אין נאמען פון דער יוניאן, א שעהנע „ריסט-וואטש" צו ברודער רייזבערג, אלס אן אויסדרוק פון אנערקענונג פאר זיין גוטער ארבייט פאר דער יוניאן.

דער עולם אויפ'ן באנקעט האט מיט ענטוזיאזם באגריסט די מתנה געבער און הארציג אפלאדירט די קורצע רעדעס וואס זיי האבען דערביי געהאלטען.

דער טשערמאן גיט דאן דאס ווארט צו פרעזידענט זיגמאן און סעקרעטאר באראף.

פרעזידענט זיגמאן באדאנקט זעהר די פילאדעלפיער יוניאן פאר דער גאסטפריינדליכקייט. ער זאגט, אז דער פרעזענט איז ביי איהם זעהר טייער, ווייל עס קאסט ניט קיין סך געלט. דער גייסט, זאגט ער, אין וועלכען דער פרעזענט איז געגעבען געווארען, איז ביי איהם טייערער פון אלץ.

אין דעם זעלבען זין האבען אויך גערעדט סעקרעטאר באראף און וויס-פרעזידענט רייזבערג.

אלע דריי רעדנער זיינען שטורמיש אפלאדירט געווארען.

דער לעצטער וואס האט באקומען דאס ווארט איז געווען פרעזידענט וויליאם גרין. ער באדאנקט אלעמען פאר די גאסטפריינדליכקייט וואס מען האט איהם ארויסגעוויזען, און האט אויסגעדריקט גרויס צופרידענקייט, וואס ער האט געהאט די געלעגענהייט צו זיין אנוועזענד אויף אזא שעהנעם באנקעט. ער האט געזאגט, אז דאס איז געווען פאר איהם א כבוד און א גרויס פארגעניגען.

א זעהר שעהנע סצענע אויפ'ן באנקעט איז געווען, ווען פיר שעהנע מיידלאך פון די דעלעגאטקעס פון די אוט-אף-טאון לאקאלס, וועגען וועלכע עס איז אויף דער קאנווענשאן אזוי פיל גערעדט געווארען, האבען ארייגמארשירט אין האל אנגעטאן אלס בלומען מיידלאך און יעדע מיידעל האט געטראגען א שעהנעם באסקעט מיט לעבעדיגע בלומען. די בלומען זיינען געווען פאר פרעזידענט גרין, פרעזידענט זיגמאן, סעקרעטאר באראף און וויס-פרעזידענט האלפערין, דער מענעדזשער פון דעם אוט-אף-טאון דעפארטמענט. דאס איז געווען א הערליך בילד און האט ארויסגערופען ביי אלעמען פיל ענטוזיאזם.

אויף דער זיצונג מאנטאג, דעם 7טען דעצעמבער

מאנטאג, דער ערשטער טאג פון דער צווייטער קאנווענשאן וואך, האט מיט זיך קיין נייעס ניט געבראכט. עס איז געווען איין זיצונג און אויך א קורצע. די באזונדערע קאמיטעס זיינען נאך ניט געווען פארטיג מיט דער ארבייט און די זיצונג איז געשלאסען געווארען צו געבען די קאמיטעס צייט אנצוגעהן מיט זייער ארבייט.

פארטרעטער פון דייטשע נאדעל ארבייטער באגריסט די קאנווענשאן.

אויף דער זיצונג מאנטאג אין דער פריה האבען די דעלעגאטען געהערט א גרוס פון די דייטשע נאדעל ארבייטער און זייערע יוניאנס. ברודער פלאטעל, דער פרעזידענט פון דעם דייטשען קליידער ארבייטער פארבאנד און פון דער אינטערנאציאנאלער קליידער ארבייטער פעדעראציע, האט באגריסט די קאנווענשאן. ער האט ערקלערט, אז פאר די לעצטע דריי מאנאטען געפינט ער זיך דא מיט א קאמיטע פון 15 דעלעגאטען פון די דייטשע יוניאנס צו שטודירען די ארבייטער באוועגונג און די טרייד אומשטענדען אין אמעריקא. מיט א יאהר צוריק, האט ער דערצעהלט, איז דא געווען א קאמיסיע פון דייטשע באסעס. ווען זיי זיינען געקומען צוריק, האבען זיי דערצעהלט א געשיכטע, אז אין אמעריקא ארבייט מען 10 שטונדען א טאג און מען ארבייט פיל שנעלער און האסטיגער ווי אין דייטשלאנד. זיי האבען דערפאר געפאדערט, אז די דייטשע ארבייטער זאלען אויפגעבען דעם 8 שטונדיגען ארבייטס טאג, כדי צו קאנקורירען מיט די ארבייטער פון די אנדערע לענדער.

„מיר זיינען געקומען אהער אויסצוגעפינען דעם אמת, — האט ברודער פלאטעל געזאגט, — און מיר האבען אויסגעפונען, אז ניט נאר האבען די נאדעל ארבייטער שוין לאנג פארגעסען וועגען 10 שטונדען, נאר זיי ארבייטען זאגאר ווייניגער ווי 8 שטונדען א טאג. זיי האבען אויסגעפיהרט צו ארבייטען בלויז 44 שטונדען א וואך און אין מאנכע פעלע זאגאר ניט מעהר ווי 40 שטונדען א וואך.

„איך ווייס, אז ביי אייך איז לעצטענס פארגעקומען א ברודער קריג, און איך וויל אייך דערצעהלען מיט וואס פאר א שמחה די באסעס קוקען צו, ווען איהר קריגט זיך ארום. זיי דענקען, אז אין דעם נעקסטען אגרימענט וועלען זיי קענען אלעס אויספיהרען פאר זיך. איך דארף אייך ניט געבען קיין עצות, וואס איהר זאלט טאן, אבער איהר דארפט וויסען, אז מיר אין דייטשלאנד האבען דורכגעלעבט פונקט די זעלבע קריגערייען וואס איהר לעבט איצט דורך. צום גליק זיינען מיר שוין לאנג פטור פון יענע קריגערייען, און איך ווינש אייך און איך ווינש זיך אליין, אז ווען איך וועל פאהרען צוריק אהיים, וועל איך קענען בעריכטען, אז אויך איהר האט שוין איבערגעקומען אייער חולאת, און אז איהר זייט ווידער פאראייניגט געגען אייערע אמת'ע שונאים, — אז איהר קעמפט ווידער אייניג געגען דעם קאפיטאליסטישען קלאס און פאר דער באפרייאונג פון דעם ארבייטער קלאס".

ברודער פלאטעל איז ווארים אויפגענומען געווארען פון די דעלעגאטען, באזונדערס נאכדעם ווי וויס פרעזידענט לעפקאוויטש האט איבערזעצט זיין רעדע אויף ענגליש, אזוי אז אלע האבען עס געקענט פארשטעהן. דעלעגאט נאגלער, פון לאקאל 10, האט געמאכט א פארשלאג אויף דייטש, צו באדאנקען ברודער פלאטעל פאר זיין אינטערעסאנטער רעדע, און דער פארשלאג איז איינשטימיג אנגענומען געווארען.

א פארטרעטער פון דעם דענווער אנשטאלט פאר היימלאזע אידישע קינדער, האט גערעדט פאר דער קאנווענשאן און האט אפעלירט פאר שטיצע פאר דיזער היים.

* * *

וואס עס איז פארגעקומען דינסטאג, דעם צווייטען טאג פון דער צווייטער קאנווענשאן-וואך, האבען מיר שוין באריכטעט פריהער, ביים אנהויב פון די נייעס. וועגען פאסירונגען פון די אנדערע טעג וועלען מיר קענען בעריכטען ערשט די קומענדע וואך, אין קומענדען נומער פון דער „גערעכטיגקייט".

שבת ביינאכט א שעהנער באנקעט

די פילאדעלפיער לאקאלס פון אונזער אינטערנעשאנאל האבען געגעבען א באנקעט פאר די דעלעגאטען און די געסט פון דער קאנווענשאן. דער באנקעט איז געגעבען געווארען שבת אוונט אין האטעל אדעלפי. צו דעם באנקעט זיינען געווען געלאדען אלע דעלעגאטען, די „לינקע" אזוי גוט ווי די „רעכטע". יעדער דעלעגאט האט שבת בייטאג באקומען א טיקעט צום באנקעט. אבער די „לינקע" דעלעגאטען האבען, אפנים, געהאט א „קאקוס" און באשלאסען ניט צו געהן צום באנקעט, און האבען שבת אוונט אפגעשיקט זייערע טיקעטס מיט א שליח.

אויפ'ן באנקעט האט זיך עס גאר ניט אנגעזעהן. עס זיינען דארט אנוועזענד געווען אריבער 6 הונדערט מענשען, און עס האט זיך גאר ניט אנגעזעהן, צי די „לינקע" זיינען דארט יא געווען אדער ניט געווען.

דער באנקעט איז געווען א גרויסארטיגער און אלע פרטים. דאס עסען איז געווען גוט און געשמאק, א סימפאניע-ארקעסטער האט געשפילט שעהנע מוזיק פון אפעראס, און עס איז אויך געווען א פאר גוטע זינגער, א טענאר און סאפראנא, צו אמוזירען דעם גרויסען עולם ארום די פיין-געדעקטע טישען. דער עולם האט אויפגענומען די מוזיקאלישע נומערען מיט גרויס באגייסטערונג.

פרעזידענט וויליאם גרין אנוועזענד.

דער הויפט גאסט אויפ'ן באנקעט איז געווען וויליאם גרין, דער פרעזידענט פון דער אמעריקאן פעדערעישאן אוו לייבאר. ער איז געזעסען אויבענאן ביי איין טיש מיט פרעזידענט זיגמאן, סעקרעטער באראף און די מיטגלידער פון אונזער גענעראל עקזעקוטיוו-באארד. גרין, זיגמאן און באראף זיינען צוזאמען געקומען צום באנקעט און זיי האבען באקומען א גרויסע אוואציע ביי זייער אנקומען.

וויס-פרעזידענט רייזבערג איז געווען דער טשערמאן פון אוונט און ווען

אינטערנעשאנעל ארבייטער אוניווערזיטעט

וואשינגטאן אירווינג הייסקול, אירווינג פלייס און 16טע גאס, רום 530.

שבת, דעם 12טען דעצעמבער.

1.30 נאכמיטאג. — א ספעציעלער שטודיום פון דער אמעריקאנער ליטעראטור. עמארי האלאוויי, לעקטשורער.

דאס איז א קורס אין זעקס לעסאנס.

2.30 נאכמיטאג. — „קאמפאני יוניאנס", בען מ. זעלעקמאן, לעקטשורער.

זונטאג, דעם 13טען דעצעמבער.

11 אין דער פריה. — „דער פלאץ פונ'ם ארבייטער אין דער געשיכטע". לעקטשורער, א. י. מאסטי.

לעקטשורס און קורסען אין דער אינטערנ. בילדינג

3 וועסט 16טע סטריט.

מיטוואך, דעם 16טען דעצעמבער, 6.30 אין אוונט. — אלעקסאנדער פיטשהאנדלער וועט פארזעצען דעם קורס איבער: „סאציאלע פסיכאלאגיע". דאס איז א קורס פון צעהן לעקטשורס און וועט געגעבען ווערען יעדען מיטוואך אוונט אין זעלבען פלאץ.

אונזערע יוניטי סענטערס

ענגליש-קלאסען — פאר אנפאנגער און פאר ווייטערע סטודענטען זיינען ארגאניזירט געווארען פאר אונזערע מיטגלידער אין די יוניטי סענטערס אין די פאלגענדע פאבליק סקולס:

אין פאבליק סקול 25 — 330 פינפטע סטריט, מאנהעטען.
אין פאבליק סקול 171 — 103טע סט., צווישען מעדיסאן און 5טע עוועניוס.
אין פאבליק סקול 61 — קראטאנא פארק איסט און שארלאט סט., בראנקס.
אין פאבליק סקול 43 — בראון פלייס און 135טע סטריט, בראנקס.
אין פאבליק סקול 150 — קריסטאפער עוועניו און סעקמאן סט., ברוקלין.

די, וואס רעדזשיסטרירען זיך אין די סקולס, זאלען ניט פארגעסען זאגען דעם פרינסיפעל, דאס זיי זיינען מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנאל און דאס זיי ווילען זיך אנשליסען אין די יוניטי סענטערס.

א קבלת פנים פאר גענ. אב. קאהאן, רעדאקטאר פון „פארווערטס"

(שלוס פון זייט 1)

קאנט דער פולער מוזיקאלישער פראגראם, מען ווייס שוין אבער, דאס עס וועט זיך באטייליגען טשערניאווסקי'ס „חסידישער בענד", דער טענאר מרדכי הערשמאן, דער טשעליסט בעלאוסאף, דער קלארנעטיסט בעליסאן און עס וועט געוויס זיין נאך און נאך.

די הויפט פיטשור אבער וועט זיין געגאסע קאהאן אליין, וואס ער האט צו דערצעהלען פון זיין רייזע איבער אייראפא און הויפטזעכליך פון פאלעסטינא.

טיקעטס צו באקומען אין אפיס פון „פארווערטס" און אין באקס אפיס פון מאנהעטען אפערא הויז. די פרייזען זיינען 50 סענט, 75 סענט, א דאלער און א דאלאר מיט 50 סענט.

וואָרום איך פאַרלאָז מיין פּאָסטען, אלס רעדאַקטאָר פון דער „גערעכטיגקייט“

מיט דעם נומער „גערעכטיגקייט“ ענדיגט זיך מיין פאַרבינדונג מיט דער אינטערנעשאַנאַל לײדיס גאַרמענט וואירקערס יוניאָן, און דערמיט אויך מיין פאַראַנטוואָרטליכקייט אלס דער רעדאַקטאָר פון איהרע דריי וועכענטליכע ציטונגען, „גערעכטיגקייט“, „דזשאַסטיס“ און „זשוסטיציא“.

איך זאָג, עס ענדיגט זיך מיין פאַרבינדונג מיט דער אינטערנעשאַנאַל, אָבער איך מיין נאָר דערמיט די אָפּיציעלע פאַרבינדונג. מיט לייב און לעבען, מיט מיין גאַנצער נשמה, בלייב איך מיט דער אינטערנעשאַנעל, און איך וועל איהר ניט אויפהערען צו דינען אויף דעם בעסטען און שטאַרקסטען אופן, ווי איך וועל נאָר קענען.

אין די זיבען יאהר, וואָס איך האָב געדינט מיט מיין פען דער גרויסער אַרבייטער־אָרגאַניזאַציע, בין איך מיט איהר צו שטאַרק צוזאַמענגעוואַקסען, אז איך זאָל קענען אזוי גיך זיך אָפּרייסען פון איהר. איך האָב אריינגעלייגט אין איהר צופיל כוחות, גייסטיגע און קערפּערליכע, אז מיין אינטערעס אין איהר זאָל זיך ענדיגען מיט מיין אָפּיציעלער רעזיגנאַציע. און איינע פון די אורזאַכען, וואָרום איך האָב רעזיגנירט, איז די, דאָס איך דענק, אז איך וועל איהר קענען בעסער דינען אויף דער פריי, פאַרלאַזענדיג איהר, ווי בלייבענדיג מיט איהר.

איך ווייס, אז פילע וועלען אויסטייטשען מיין איצטיגען פאַרלאָזען די רעדאַקציע, אלס א צייכען פון פאַרמאַטערטקייט ווייטער אָנצופיהרען און מיטצוהעלפען אין דעם גרויסען קאַמף פון דער אינטערנעשאַנאַל מיט די משחיתים אין דער אַרבייטער־באַוועגונג, וועלכען זי פיהרט אָן ניט בלויז פאַר זיך, נאָר פאַר דער גאַנצער אַרבייטער באַוועגונג.

איך ווייס, אז די לומפּיגע „פּרייהייט“־דעמאַגאָגען פּאַטשען זיך אין בייכעל, און ווילען איינשמועסען זייערע צאָן קדשים, אז זיי האָבען דאָס מיך פאַרטריבען פון מיין פּאָסטען. וויל איך דאָ ערקלערען אזוי אויסדריקליך ווי איך קען נאָר, אז דאָס איז איינער פון זייערע געמיינע ליגענס און בלאָפס.

עס איז פּונקט פאַרקערט. איך בין די לעצטע פאַר יאָהר פאַרבליבען אלס דער רעדאַקטאָר פון די אינטערנעשאַנעל ציטונגען דוקא צוליב זיי. מיין באַשלוס צו פאַרלאָזען די אינטערנעשאַנעל איז שוין אַלט עטליכע יאָהר. און איך בין פאַרבליבען אזוי פיל לענגער מיט דעם איינציגען צוועק צו העלפען דער אינטערנעשאַנעל זיך צו באַפרייען פון די שלאַנגען און עקדישען, וואָס האָבען זיך אויפגעהאָדעוועט אין איהר בוזעם.

איצט גלויב איך, איז דער קאַמף געענדיגט. שוין מיט עטליכע וואָכען פאַר דער קאָנווענשאָן האָב איך געזעהן, אז מיין קאַמף איז ניט געווען אומזיסט, און דאָס די ברעכער פון דער אַרבייטער־באַוועגונג האָבען געקראָגען איבער'ן קאָפּ פון דער גרויסער מעמבערשיפּ. ניט קוקענדיג אויף אַלע זייערע געמיינע קאַמף־מיטלען, אָדער טאַקע אפשר צוליב דעם, האָט די גרויסע מעמבערשיפּ פעסט ערקלערט, אז זי וויל ניט איבערגעבען איהר שיקזאַל אין די הענט פון פאַררעטער. זי האָט אויסגעוועהלט א מאַיאָריטעט פון איהרע דעלעגאַטען צו דער קאָנווענשאָן, וועלכע איז דורכאויס געגען די געמיינע לינקע פּאָליסיס, און דאָס, נאָר דאָס, האָט מיך באַוואויגען צו פאַרלאַנגען פון דעם ג. ע. ב. פון דער אינטערנעשאַנעל אָנצונעהמען מיין רעזיגנאַציע, ווייל, ווי די לאַגע איז, נויטיגט זי זיך ניט מעהר אין מיר אזוי שטאַרק, ווי פריהער, אז מיין פאַרלאַנג פאַר די לעצטע עטליכע יאָהר זיך צוריקציהען פון דער אינטערנעשאַנעל אָפּיציעל זאָל ניט קענען נאָכגעגעבען ווערען.

געוויס זיינען די לעזער פון דער „גערעכטיגקייט„ בארעכטיגט צו וויסען, וואָרום איך האָב שוין מיט איינינע יאָהר צוריק באַשלאָסען צו פאַרלאָזען די „גערעכטיגקייט“. וויל איך זיין מיט זיי גאַנץ אָפּענהערציג און זיי זאָגען, אז קיין גאַנץ קלאָרען צופרידענשטעלענדען ענטפער קען איך מאָמענטאַן ניט געבען. דאָס איז א גאָר צו לאַנגע געשיכטע. אפשר שפּעטער, ווען איך וועל זיך אויסקלייבען צו שרייבען די געשיכטע פון מיינע זיבען יאָהר מיט דער אינטערנעשאַנעל, און פון די הויפּט־מאָטיוען, וועלכע האָבען מיך באַוואויגען איבערצונעהמען די רעדאַקציע פון איהרע וועכענטליכע אויסגאַבען, און פאַרלאָזען די ציטונג, וועלכע איך האָב מיט אזוי פיל מיה געבוים און געהאָדעוועט און אויפגעהאַלטען פאַר באַלד 21 יאָהר — איך מיין די „פרייע אַרבייטער שטימע“ — וועל איך עס בעסער קענען ערקלערען.

דערווייל זאָל נאָר איין גרונד־אורזאַכע אָנגעגעבען ווערען: איך האָב צוליב פילע אורזאַכען ניט געקאָנט מאַכען די „גערעכטיגקייט“ פאַר דער ציטונג, וואָס איך האָב זיך פאָרגענומען זי זאָל זיין, ווען איך האָב איינגעווילינגט צו ווערען איהר רעדאַקטאָר. איך האָב ניט געקאָנט זיך אַרויסזאָגען אין איהר אזוי פול, אזוי קלאָר, ווי איך בין עס געוואוינט געווען צו טאָן מיין גאַנצען לעבען. איך האָב צוליב פאַרשידענע אורזאַכען ניט נאָר געמוזט אונטערדריקען די מיינונגס־פרייהייט פון אַנדערע, נאָר אויך פון זיך אַליין. די „גערעכטיגקייט“ האָט מיך, מיין גייסט קיינמאָל ניט אינגאַנצען צופרידענגעשטעלט.

נאַטירליך, האָב איך געהאַט שטענדיג די ברירה, און געקאָנט זיך אָפּרייסען פון דער אינטערנעשאַנעל גלייך ווי איך האָב עס דערפיהלט, און איך פאַרזיכער מיינע לעזער, אז עס זיינען קיינמאָל ניט געווען קיינע מאַטעריעלע באַטראַכטונגען, וואָס האָבען מיך אָפּגעהאַלטען פון דעם. נאָר איך האָב געטראַכט, אז אונטער די אומשטענדען איז עס מיין פליכט זיך צו באַנוגענען מיט די באַגרענצטע מעגליכקייטען. איך האָב געטראַכט, אז די אינטערעסען פון דער אינטערנעשאַנעל זיינען צו וויכטיג, אז איך זאָל צוליב מיינע פּערזענליכע געפיהלען איהר פאַרלאָזען און ניט ברענגען איהר דאָס ביסעלע גוט, וואָס איך בין געווען בכוח.

דאַן איז אָנגעקומען דער קאַמף מיט די קאָמוניסטען, וועלכע איך באַטראַכט פאַר די גרעסטע קללה אין דער אַרבייטער־באַוועגונג בכלל און אין דער אינטערנעשאַנעל בפרט. און איך האָב זיך געשמייכעלט, אז איך וועל, אפשר, בעסער ווי אירגענד ווער, קענען אראָפּרייסען די מאַסקע פון אָט די רויטע בינדיושניקעס און ארויסשטעלען זיי פאַר אונזער מעמבערשיפּ אין זייער גאַנצער העסליכקייט.

איז אפשר האָב איך אין דעם געמאַכט א טעות. אפשר זיינען דאָ אין דער שרייבער־וועלט פיל פעהיגערע, ווי איך, פאַר דיזער אַרבייט. ווען איך וואָלט אזוי גערעכענט, וואָלט איך געוויס מיט פאַרגעניגען אָפּגעטראָטען מיין פּלאַץ צו דעם מעהר פעהיגען, צו דעם מעהר צוגעפּאַסטען פאַר די גרויסע, איך מעג זאָגען, הייליגע, אָבער זעהר אומדאַנקבאַרע אַרבייט. אָבער איך האָב, אין מיין גרויסען זעלבסט־פאַרטרויען, אויב איהר ווילט, ניט געפונען אזעלכען. בין איך פאַרבליבען מיט דער אינטערנעשאַנאַל, אום צו ברענגען דעם קאַמף צו א סוף, צו א זיגרייכען סוף פאַר דער אינטערנעשאַנאַל.

און דאָ בין איך ווידער שטאַרק ענטוישט געוואָרען. און די ענטוישונג איז געווען דאָס ביטערער, ווייל זי איז געקומען פון די, מיט וועמען איך בין געשטאַנען זייט ביי זייט און געקעמפט מיט זיי די גאַנצע זיבען יאָהר. איך האָב פילע פון זיי געפונען צו שוואַך אין דעם קאַמף. איך האָב געפונען, דאָס מאַנכע פון זיי זיינען געווען גענייגט צו מאַכען אַלערליי קאָמפּראָמיסען מיט די ערגסטע שונאים פון דער יוניאָן. עס האָט מיך שרעקליך פאַרדראָסען דער זאָגענאַנטער פרידען, וואָס דער פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאַנאַל האָט געשלאָסען מיט דעם צד, וועלכער האָט בעדאַרפט נאָר געזעצט ווערען אויף דער אָנקלאַגע־באַנק, אלס די ערגסטע און געמיינסטע שענדער פון דער יוניאָן.

איך האָב, נאַטירליך, געוואוסט די ריינע מאָטיווען פון דעם פּרעזידענט. איך האָב געוואוסט, אז ער האָט עס געטאָן, טראָץ דעם, וואָס איהם איז עס געווען אזוי צואווידער, צוליעב דער יוניאָן. אָבער איך האָב געזעהן די זאַך אַנדערש. איך האָב געזעהן, אז מיט דעם זאָגענאַנטען פרידען גיט ער די שונאים פון דער יוניאָן דעם פּרעסטיזש פון רעבעלען, וואָס האָבען געזיעגט; ער האָט, אלזאָ, ניט ווילנדיג געשפּילט אין זייערע הענט. און איך האָב מורא געהאַט פאַר דעם אויסגאַנג פון אזא פּאָליטיק. דערפאַר האָב איך אין דער „גערעכטיגקייט“ אָנגעהאַלטען די אַלטע און די איינציג־גערעכטע פּאָליסי פון דער אינטערנעשאַנעל — פון קאַמף ביז צום ביטערען סוף.

און איך בין גליקליך צו זעהן, דאָס טראָץ דעם פאַלשען שריט פון שליסען א היפּאָקריטישען, אַן אונמעגליכען פרידען, איז עס דאָך ניט געלונגען די קאָמוניסטישע אַגענטען פון מאָסקווע צו פאַרכאַפּען די אינטערנעשאַנעל. די אינטערנעשאַנעל בלייבט אין די געטרייע הענט פון איהרע בעסטע פּאַרקעמפּער. און איך פיהל, איך בין איבערציינגט, אז איך האָב אויסגעפאָכטען אַן עהרליכען קאַמף, א שעהנעם נאָבעלען קאַמף און דאָס איך בין פול־בארעכטיגט צו דעם אָפּרוה, אין וועלכען איך נויטיג זיך אזוי שטאַרק, און צו דער אַרבייט, וועלכע זאָל זיין אין שטאַרקערען איינקלאַנג מיט מיינע אינדיווידועלע נייגונגען און שטרעבונגען, ווי עס האָט געקאָנט זיין מיין אַרבייט און מיין ווייטערע פאַרבינדונג מיט דער אינטערנעשאַנעל.

דאָס איז די דערווייליגע ערקלערונג פון מיין פעסטען באַשלוס ניט מעהר צו זיין דער רעדאַקטאָר פון דער „גערעכטיגקייט“.

איך וויל פאַרזיכערען די לעזער פון דער „גערעכטיגקייט“, אז איך האָב געטאָן אַלעס, וואָס איז נאָר מעגליך געווען, צו מאַכען די אינטערנעשאַנעל שטאַרקער, שעהנער און בעסער צוגעפּאַסט פאַר איהרע גרויסע אויפגאַבען. איך וואָלט אפשר געקאָנט מעהר טאָן, ווען איך וואָלט געקאָנט געניסען די פולסטע פרייהייט אויף מיין פעלד פון טעטיגקייט. אָבער, ווי עס זעהט אויס, איז דאָס געווען אונמעגליך דורכצופיהרען. איך וויל אָבער האָפען, אז איך האָב אויסגעטראָטען פאַר מיין נאָכפאָלגער א ברייטערען וועג, ווי דעם, וועלכען איך האָב געפונען, און דאָס ער וועט געוויס ניט פאַרנאַכלעסיגען זיך צו באַנוצען מיט די נייע מעגליכקייטען.

ש. יאַנאָווסקי.

די צוקונפט פון אייראפּא

פון מאַקסים גאָרקי.

נאָך דעם פאַרשאָלטענעם קריג פון די יאָהרען 1914—1918 האָב איך פאַרלאָרען מיין גלויבען אין דער זשעניע פון אייראפּא. מיר דאַכט זיך, אז איהר הארץ איז בלינד און טעמפּ געוואָרען, איהרע געהירען זיינען פאַרוואַקסען מיט גרינעס שוים און זי באַשפּריצט מיט איהר גיפט אַלץ, וואָס זי האָט פריהער געהאַלטען פאַר הומאַניטאַר, פאַר א מענשליכע פליכט.

און דערביי איז דאָך פּאַרט אייראפּא דער מיטעל־פּונקט פון דער שעפּערישער ענערגיע פון דער גאַנצער וועלט. ווי פון דער זון פליעגען פון אייראפּא אַרויסגעהן שטראַהלען, וואָס פליעגען די גאַנצע וועלט דורכשטראַמען מיט פייער פון איהר מוטיגען דענקען און זי פליעגט אונז באַשענקען מיט די חסדים פון איהר וויסענשאַפט און קונסט, מיט די גרויסע נצחונות פון איהר וואונדערשאַפענדיגער טעכניק.

איך לאָז דערביי נישט ארויס פון אכט, אז איהרע פּאָליטיקער און בלוטזויגער — איבעריגענס, איז עס איינס און דאָסזעלבע — פליעגען דעם לעבעדיגען מענשען די הויט פון לייב אַרונטעררייסען.

די פאַרביגע ראַסען האָבען געזעהן, מיט וועלכער ענערגיע, טייוואָלישער קונציגקייט און חיה'שער ביטערקייט די פרומע קריסטען האָבען זיך איינס דאָס אַנדערע דאָס פלייש געשונדען; מיט וועלכען אייפערדיקען שנצון איין אייראפּעאיש פאָלק האָט דאָס אַנדערע באַרויבט און אונטערגעיאָכט; צו וועלכער כאַאָטישער משוגעת איז דערגאַנגען דאָס לעבען פון די אייראפּעער. איך מיין, אז נאָך דעם אַלעם האָבען די פעלקער פון אַפריקע און אזיע אַראָפּגעלאָזען פון זייער מיינונג איבער די אייראפּעער, און אז דער ווערט פון אייראפּא'ס מאָראַלישער קראַפט האַלט אין איין פאַלען.

א גאַנצע רייהע געשעהענישען אין אפריקע און אזיע זאָגען אונז קלאָר עדות דערפון, ווי וויים דער דאַזיגער אויטאָריטעט איז אונטערגעגראָבען. און איך געדענק אויך דאָס, אז די אייראפּעער בילדען נאָר א מינדערהייט צווישען דער באַפעלקערונג פון ערד־קוגעל.

אויסער דעם האָט זיך נאָך איינווייניג ביי די אייראפּעאישע געזעלשאַפטליכע קערפּערשאַפטען אויסגעבילדעט א גרויסער קלאַס מענשען, וועלכע זיינען פאַרווילדעט דורך פאַרשקלאַפּטער אַרבייט, פון נישט דערעסען, פון דעם אַלעם, וואָס איז א נאַטירליכער רעזולטאַט פון דעם אָפּשטויסנדיגען, זיך אויסגעלעבטען סיסטעם פון דער קלאַסען־מלוכה.

דאָס אַלץ ברענגט מיך צום אויספיהר; אז פּונקט ווי ס'איז אַמאָל געווען דער אונטערגאַנג מיט רוים, וועט אויך קומען אייראפּא'ס סוף: איהר אויפריים וועט צוגעגרייט דורך דעם שרעקליכען דרוק פון די מאַסען נישט־אייראפּעאישע פעלקער, ווי אויך צוליב איהר אינערליכער אַנאַרכיע. צופיל האָט זיך אָנגעקליבען אין אייראפּא געלט־דורשטיגקייט, קנאה, בייזוויליגקייט און נקמה. דאָס אַלץ גרייט צו איהר אויפריים.

אין פאַלק'ס טאָן

פון נחום י.

נעמסט דו, גזלן, צו די פערד,
נעם אויך צו דעם וואָגען.
אויב מיר איז אזוי באַשערט,
וועל איך גאָרנישט זאָגען.

וועל איך געהן און געהן, און געהן
ביז איך וועל א מידער
אונטער בערגעל ביי א שטיין
אויסרוהען די גלידער.

אויב מיר איז אזוי באַשערט
וועל איך גאָרנישט זאָגען...
נעמסט דו, גזלן, צו די פערד,
נעם אויך צו דעם וואָגען...

עס וואָלט ווירקליך געווען צו ווינשען אירגענד א פאַראייניגונג, א פאַרשטענדיגונג, וואָס זאָל מאַכען א סוף צום קריג. אָבער ווען איין צד וויל דורכאויס קריג, העלפט ניט דער שעהנער וואונש נאָך פרידען. דאַן, צי איהר ווילט, צי ניט, מוז דער קריג ווייטער געפיהרט ווערען.

מיר ווילען אָבער האָפען, אז דער קריג וועט ניט קענען מעהר געפיהרט ווערען אונטער די פאַלשע פּרעטענזיעס, ווי ער איז ביז איצט געפיהרט געוואָרען, און צוליב וואָס א גאַנץ באַדייטענדער טייל פון דער מעמבערשיפּ איז אַרונטערגעפאַלען אונטער דעם שרעקליכען היפּנאָז פון די, וועלכע האָבען מיט זייערע האַנדלונגען געבראַכט די יוניאָן צום ברעג פון אָפּגרונד. מיר האָפען, אז די קאָנווענשאָן וועט ענדליך מאַכען קלאָר פאַר דער גרויסער מעמבערשיפּ דעם כאַראַקטער פון דעם עלעמענט, וועלכער האָט געבראַכט שאַנד און שפּאָט אויף דער יוניאָן. מיר האָפען, אז די, וועלכע פּרעטענדירען צו פאַרטרעטען די דריי־פיער לאָקאַלס פון דער אינטערנעשאַנאַל, נעמליך: 2, 9, 22 און 35 וועלען געפינען, צוריקקומענדיג אין ניו־יאָרק, אז זיי האָבען געמאַכט דעם חשבון אָהן דעם בעל־הבית, און דאָס דער ראַנק־ענד־פייל וועט זיך אָפּטרייסלען פון זיי און וועט זיך אָנשליסען אַן די, וועמען די קאָנווענשאָן וועט אויסוועהלען אלס איהרע פיהרער, און שטעהן און קעמפען מיט זיי געטריי געגען אַלע יוניאָן־שונאים, סיי אינערליכע און סיי אויסערליכע. נאָר אויף אזא אופן וועט עס נעהמען א סוף צו דעם קריג, און די יוניאָן וועט קענען צוריקקומען צו איהר פריהערדיגער מאַכט און פּרעסטיזש.

GERECHTIGKEIT

A Jewish Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office: 3 West 16th St., New York, N. Y.
MORRIS SIGMAN, President — S. YANOFSKY, Editor
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — H. SCHOOLMAN, Business Manager
Subscription price paid in advance: $1.00 per year.

Vol. VII. No. 50. New York, Friday, December 11, 1925.

Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Post Office at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

ערשטע וואך קאנווענשאן

פון אלץ, וואס איז ביז איצט פאר־
געקומען אויף דער קאנווענשאן, איז
שווער צו גלויבען, אז די קאנווענשאן
וועט פיהרען צו די אזוי שטארק־געוואונ־
שענע פרידען, איינינקייט און הארמא־
ניע, וואס איז ווירקליך דער פארלאנג
פון דער גרויסער מעמבערשיפ.

☘

און די שולד פון דעם, וואס די
זעהר שעהנע האפנונג וועט בלייבען ניט
ערפילט, וועט ניט פאלען אויף די דע־
לעגאטען, וואס שטעלען צוזאמען די מא־
יאריטעט פון דער קאנווענשאן. אויך
זיי ווילען איינינקייט און פרידען. וואס
העלפט אבער זייער ווילען, אז די מי־
נאריטעט דעלעגאטען ווילען עס ניט?
אמת, זיי פארשטעהען זיך אויף די קונץ
איבערצוקעהרען דעם פעלץ און ווארפען
די שולד אויף די מאיאריטעט. מיט
באנומענע קולות שרייען זיי, אז זיי ווי־
לען פרידען. אבער יעדער קען זעהן, ווי
פאלש און פוסט איז זייער געשריי. זיי,
די לינקע, לאזען ניט דורך די מינדסטע
געלעגענהייט אום אנצומאכען אלץ מעהר
בייז בלוט. זיי שפילען זיך אויף, אלס
די זיגער, און דראפען זיך אויף גלייכע
ווענט. זיי זיצען אויף דער קאנווענשאן,
לויערנדיג אויף די מינדסטע געלעגענ־
הייט אנצומאכען טומעל און צו שטערען
דער קאנווענשאן אין איהר ארבייט.

☘

דאס איז ניט בלויז אונזער איינ־
דרוק, נאר אונזער טיפסטע איבערציי־
גונג. מיר זיינען זיכער, דאס יעדער
אונפארטייאישער מענש וועט מיט אונז
איינשטימען אין דעם. יע, די מינארי־
טעט וויל איינינקייט און פרידען, אבער
נאר אזא איינינקייט, אין וועלכער די
מאיאריטעט זאל אויפגעבען אלע איהרע
מיינונגען און איבערצייגונגען, און זיי
אויסבייטען אויף זייערע. קוים אבער
ווייזט די מאיאריטעט ארויס איהר פעס־
טען ווילען צו באשטעהן אויף איהרע
מיינונגען, דאן הייסט עס ביי דער מי־
נאריטעט, אז עס איז די מאיאריטעט,
וועלכע וויל ניט קיין איינינקייט.

☘

אבער דער אמת איז, אז אין פילע
הינזיכטען האט די מאיאריטעט פארבוי־
גען פילע פון איהרע גאנץ באשטימטע
מיינונגען, אבי עס זאל זיין איינינקייט.
נאר דאס העלפט אויך נ"ט. נעמט,
למשל, די האנדלונג פון דער קרעדענ־
שעל־קאמיטע. זי האט איינגעווילינט
צוצולאזען צו דער זיצונג אלס דעלעגא־
טען צו דער קאנווענשאן מענשען, גע־
גען וועמען עס זיינען געמאכט געווארען
גאנץ ערנסטע קלאגען, און וואלטען
קיינמאל ניט צוגעלאזען געווארען צו
קיין פריהערדיגער קאנווענשאן. זיי גע־
הען אבער איצט אונטער דעם שוץ־מאנ־
טעל פון לינקיזם, און צוליב דעם, און
נאר צוליב דעם, האט די קרעדענשעל־
קאמיטע צוגעמאכט מיט אן אויג, און
זיי צוגעלאזט אלס דעלעגאטען, אבי עס
זאל קומען צו א געוויסע איינינקייט.
דאס האט אבער ווייניג־וואס געהאלפען.
אנשטאט דעם, דאס די מאיאריטעט
רעכטע דעלעגאטען זאלען עס פראטעס־
טירען געגען די מילדקייט פון דער קרע־
דענשעל קאמיטע, זיינען עס גאר געווען
די לינקע. ווי שטייטש. ווארום דער־
מאנט די קרעדענשעל־קאמיטע איבער־
הויפט די פארשיידענע מעלות פון די
דעלעגאטען! אט אזוי ווילט איהר עס
איינינקייט?

☘

די מינאריטעט, ווי עס איז קלאר
פאר דעם שרייבער פון די שורות, איז
בשום אופן ניט פאראינטערעסירט אין
שלום, אין הארמאניע, אין וועלכער איין
צד זאל נאכגעבען דעם צווייטען אין גע־
וויסע הינזיכטען, און אנדערע פראגען,
ווענען וועלכע עס קען ניט זיין קיין פאר־
שטענדיגונג, איבערלאזען צו דער צייט.
זי איז ניט געקומען צו דער קאנווענ־
שאן מיט דעם באשלוס אנצונעמען און
צו אונטערווארפען זיך די באשליסע פון
דער קאנווענשאן. ניין, זי איז געקומען
סטראשען דער קאנווענשאן, דאס אין
פאל די קאנווענשאן וועט ניט האנדלען,
ווי זי מיינט, זי דארף האנדלען, וועט
זי איהר קאמף ניט אויפגעבען. דעלע־
גאט פארטנאי איז געווען גאנץ אפענ־
הערציג, ווען ער האט געזאגט: „די
דושאינט עקשאן קאמיטע איז דא, זי
לעבט".

☘

די מינאריטעט דעלעגאטען איז אוי־
גענשיינליך ניט פאראינטערעסירט, אז
די קאנווענשאן זאל אויפטאן עטוואס
וויכטיגעס פאר די ארבייטער אין די
שעפער. איהר הויפט־צוועק אויף דער
קאנווענשאן איז צו מאכען דעמאנסטרא־
ציאנען פאר איהר בלעטעל אין ניו יארק,
פאר דעם הייליגען קאמוניזם, וואס זאל
פארדעקען און מכפר זיין אויף אלערליי
פארברעכענס, וואס איהרע אנהענגער
האבען באגאנגען און באגעהען געגען די
יוניאן.

☘

פאלגענדער פאל, גלויבען מיר, וועט
קלאר מאכען פאר יעדען אונפארטיי־
אישען מענשען, ווי די מינאריטעט דרא־
פעט זיך אויף גלייכע ווענט, און טוט
איהר ערגסטעס אנצומאכען טומעל און
קריגעריי אויף דער קאנווענשאן. עס
איז א מנהג, אז דער פרעזידענט בא־
שטימט די פארשיידענע קאמיטעס, צווי־
שען וועלכע די ארבייט פון דער קאנ־
ווענשאן ווערט פארטיילט. עס איז אויך
א מנהג, דאס אלס טשערלייט פון די
קאמיטעס ווערען באשטימט די וויים־
פרעזידענטען פון דעם ג. ע. ב. מיט דעם
אויסנאהם פון איין קאמיטע, וועלכע
דארף עס אפגעבען איהר אנטשיידונג
איבער אלע האנדלונגען פון דעם ג. ע. ב.
מיר זיינען שוין געווען ביי פילע קאנ־
ווענשאנס, און מיר האבען נאך קיינמאל
ניט געהערט א פראטעסט געגען דעם,
ווי דער פרעזידענט פארטיילט די קא־
מיטעס. עס האט אויך, לויט אונזער
ערפאהרונג, קיין מאל ניט פאסירט אויף
א קאנווענשאן פון דער א. פ. אוו ל.,
אז די דעלעגאטען זאלען פראטעסטירען
דערפאר, וואס דער פרעזידענט האט בא־
שטימט דעם אדער יענעם דעלעגאט אין
אזא אדער אן אנדער קאמיטע, אדער אין
גאר קיין קאמיטע. נון, פרעזידענט זיג־
מאן האט ווירקליך צוגעטראגען זיך מיט
דער העכסטער אונפארטייאישקייט צו
דער צוזאמענשטעלונג פון די קאמיטעס.
ער האט געזארגט, אז אין קיין איינצי־
גער קאמיטע זאלען ניט פעהלען א פאר־
טרעטער אדער צוויי פון דעם זאגענאנ־
טען צווייטען צד. יע, עס זיינען דא
קאמיטעס, אין וועלכע די לינקע זיינען
די מאיאריטעט. מעהר נאך, איינעם פון
דעם צווייטען צד, דעלעגאט היימאן,
האט ער אנגעטאן דעם אונפארדינטען
כבוד און איהם באשטימט אלס טשער־
מאן פון א קאמיטע, אזוי ווי ער וואלט
געווען א וויים־פרעזידענט. און דאך
האט איינער פון די מינאריטעט־דעלע־
גאטען ניט געשעמט זיך ארויסצוטרעטען
געגען די האנדלונג פון דעם פרעזידענט
מיט א שרעקליכען געפילדער; מען האט
זיי בלוטיג באליידיגט, און דערפאר גע־
הען זיי ניט באטייליגען זיך אין די קא־
מיטעס!

☘

די האנדלונג פון דעם דאזיגען דע־
לעגאט, וואס איז באקאנט אונטער דעם
נאמען סאשא צימערמאן, איז דאס פאר־
אכטונגסווערטער, ווען מען ווייס אונטער
וועלכע אומשטענדען דער דאזיגער גע־
פילדער איז געמאכט געווארען אויף דער
קאנווענשאן. דאס איז געווען לעצטען
שבת. מר. וויליאם גרין, פרעזידענט פון
דער אמעריקען פעדערישאן אוו לייבאר,
האט מיט זיין רעדע ווירקליך אויפגע־
שטורעמט די גאנצע קאנווענשאן. עס
איז נים געווען די סקארבאוע רעדע
פאר איינינקייט און אחדות. עס איז
געווען א רעדע, אין וועלכער פרעזידענט
גרין האט גרינדליך צוגלידערט די צו־
שטענדע אין אונזער יוניאן, און צו וואס
פאר א חורבן עס קען פיהרען, ווען דער
זאגענאנטער ברודער־קאמף וועט אנגע־
האלטען ווערען. דאס איז געווען א רע־
דע, וואס האט שטארק אפעלירט צו די
הערצער, ווי צו די מוחות פון א ל ע
דעלעגאטען, ווי פון די רעכטע, אזוי פון
די לינקע. און עס האט הפנים פאר־
דראסען די פיהרער פון דעם לינקען פלי־
געל, וואס דער פרעזידענט פון דער א.
פ. אוו ל. האט מיט זיין רעדע געמאכט
אזא טיפען איינדרוק, און מען האט זיך
צוגעטשעפעט צו דעם, וואס די קאמיטע־
כיבודים זיינען ניט ריכטיג פארטיילט
געווארען, און פון וואס עס איז געדרונ־
גען, אז די מאיאריטעט וויל ניט קיין
איינינקייט. מיט שטוינען און מיט א
געפיהל פון טיפען עקעל האט א ווי־
טיגער צוקוקער געמוזט זיך פרעגען:
קען די מענשליכע קליינליכקייט געהן
נאך ווייטער? איז שוין גאר ניטא קיין
גרענעץ צו דער בייזוויליגקייט פון פא־
נאטיקער?

☘

אזא פראטעסט וואלט נאך, אפשר,
געווען בארעכטיגט אויף א קאנווענשאן,
וואו דער רעפארט פון דער קאמיטע איז
א סארט „חוק ולא יעבור", וואו קיינע
דיסקוסיעס ווערען ניט ערלויבט. אין אזא
פאל איז עס געווים פון גאנץ באזונדע־
רער וויכטיגקייט, ווער עס זיינען די
מענשען, וואס זיינען פארטראטען אין
די קאמיטעס. דאס אבער איז בשום
אופן ניט דער פאל אויף אזא קאנווענ־
שאן, ווי די פון דער אינטערנעשאנאל,
וואו עס הערשט די פולסטע פרייהייט
פון דיסקוסיעס, און וואו דער רעפארט
פון דער קאמיטע קען פונקט אזוי גוט
אנגענומען ווי פארווארפען ווערען. טא
פארוואס מאכען ווענען דעם אזא טו־
מעל? ווארום צושטערען א זיצונג פון
דער קאנווענשאן, וועלכע האט זיך אוים
געצייכענט מיט איהר טיפען ערנסט און
שעהנקייט?

☘

דער תירוץ איז, דאס די מינאריטעט
באטראכט ניט די קאנווענשאן אלס איהר
קאנווענשאן. ניין, זיי פארהאלטען זיך
אלס ביטערע שונאים פון דער קאנווענ־
שאן. זיי פארגינען איהר ניט אפילו
קיין איינציגען מאמענט פון שעהנקייט
און גרויסקייט, מיט וועלכע זי זאל זיך
אויסצייכענען. אלע זייערע כחות ווענ־
דען זיי אן צו פארוואנדלען די קאנווענ־
שאן אין א שמוציגען יאריד.

☘

קיינער קען געווים ניט אויסזעצען
געגען קריטיק, געגען געזונטער קריטיק,
געגען אנווייזען אויף פעלערען, און פע־
לערען זיינען גאר פילע געמאכט געווא־
רען. און די לינקע האבען דא א גוטע
געלעגענהייט ארויסצוווייזען זייער קרי־
טישע טאקטיק. אבער דאס איז פאר זיי
ווייניג. זיי מוזען ביי יעדער געלעגענ־
הייט ווארפען בלאטע, און, נאטירליך,
קען אזא סארט קריטיק ארויסרופען נאר
בייזע בלוט; און די איראניע דערפון
איז, דאס זיי האלטען נאך אין איין ליא־
רעמען, דאס זיי ווילען איינינקייט. מיר
גלויבען ניט, אויב די היפאקריסטטווא
קען געהן פיל ווייטער. און נאך קיינמאל
איז געברויכט געווארען אזא שענדליכער
מיסברויך מיט דעם שעהנעם און גרויסען
אידעאל פון איינינקייט, ווי דאס טוען
אונזערע „קלאסענקעמפער".

☘

און אט אויף אזא אופן איז שוין
אוועק די ערשטע וואך פון דער קאנ־
ווענשאן, און עס איז כמעט ניטא די מינ־
דעסטע אויסזיכט, דאס די צווייטע וואך
פון דער קאנווענשאן וועט ברענגען בע־
סערע, שעהנערע פרוכט. מיר וואלטען
געוואונשען, אז די אלע גוטע און פרומע
לייט, וועלכע האבען פאראיבעל געהאט,
ווארום אויף די פריהערדיגע קאנווענ־
שאנס איז דער דאזיגער עלעמענט ניט
צוגעלאזען געווארען אלס דעלעגאטען,
זאלען כאטש קומען צו איין זיצונג און
זעהן מיט זייערע אייגענע אויגען, ווי
ער פיהרט זיך אויף. זיי וואלטען זיך
דאן איבערצייגט, אז דאס איז אן אב־
סאלוט שטערענדער עלעמענט, אן עלע־
מענט, וואס וויל גארניט, אז די קאנ־
ווענשאן זאל אויפטאן דאס, וואס איז
אזוי לעבענסנויטווענדיג, און וואס די
גרויסע מעמבערשיפ ערווארט פון איהר.

☘

מיר זיינען זיכער, אז די שטארק־
סטע אנהענגער פון טאלעראנץ וואלטען
געמוזט איינשטימען מיט אונז, אז אין
דעם פאל פון אזעלכע אינטאלעראנטע,
משוגע'דיגע פאנאטיקער, אויב ניט נאך
עטוואס ערגערס, איז טאלעראנץ א פאר־
ברעכען; א פארברעכען געגען דער אינ־
טערנעשאנאל, א פארברעכען געגען דער
גרויסער מעמבערשיפ, א פארברעכען גע־
גען אלץ, וואס איז עהרענהאפט און אנ־
שטענדיג. און עס וועט אונז ניט וואונ־
דערען, ווען די מאיאריטעט פון דער
קאנווענשאן וועט אין די נעקסטע עטלי־
כע טעג פארלירען איהר גרויס געדולד
און וועט מוזען ארויפלייגען איהר צוים
אויף די ווילדע שטערער און ברעכער,
אזוי, אז זי וועט קענען אנגעהן מיט
איהר ארבייט און ברענגען די קאנווענ־
שאן צו אן ערפאלגרייכען סוף. זי וועט
עס איינפאך מוזען טאן, אויב זי וויל,
אז די קאנווענשאן זאל זיך ענדיגען אין
דער באשטימטער צייט, און אז די דע־
לעגאטען צו דער קאנווענשאן זאלען ניט
זיין געצוואונגען צוצולויפען זיך בים־
לעכווייז, ווער פשוט אפגעקעלט פון די
עקעלהאפטע לינקע קונץ־שטיק, ווער —
פשוט אוים מאנגעל אין געלט און צייט.

☘

עס טרייסטען זיך מאנכע, דאס די
מינאריטעט האט שוין איהר גאנצען פול־
ווער אויסגעשאסען, און דערפאר קען
זיין וועלען די איבעריגע טעג געווידמעט
ווערען צו א זאכליכער דיסקוסיע פון
די פארשידענע פראגען, וואס ליגען פאר
דער קאנווענשאן. מיר מוזען זאגען, אז
מיר האבען א קנאפע אמונה אין דעם.
דער פאקט איז, אז זייער גאנצען פול־
ווער האבען זיי שוין אויסגעשאסען אין
דער דריטער זיצונג פון דער קאנווענ־
שאן, ווען זיי האבען „דיסקוטירט" דעם
רעפארט פון דער קרעדענשעלס־קאמיטע.
דאן האבען זיי אלעס, אלעס ארויפגע־
רעדט פון הארצען, כאטש עס איז גאר
צום פונקט ניט געווען. פרעזידענט זיג־
מאן האט זיי ניט געשטערט אין דעם,
גלויבענדיג, אז איינמאל וועלען זיי ארוים־
לאזען די „פארע פון זייער סיסטעם",
וועלען זיי זיך בארוהיגען. האט ער
אבער א טעות געמאכט. זיי קומען צו
יעדער זיצונג, אנגעפאמפעט מיט דער
זעלבער פארע, זיי האלטען אין איין אי־
בער'חזר'ען זייער באקאנטען פזמון. און
מיר זעהען ניט, אויב די קאנווענשאן
זאל ווייטער האנדלען אזוי טאלעראנט
אט צו די אנגעפאמפטע קאמוניסטישע
פלאפלער, אז זיי זאלען ניט האבען קיין
„סטים" פאר דער גאנצער צייט, וואס די
קאנווענשאן וועט אנהאלטען, אפילו ווען
זי זאל געדויערען א גאנץ יאהר.

דער נייער ג. ע. ב.

מיר צווייפלען ניט, אז די מעהרסטע
לעזער פון דער „גערעכטיגקייט" שטעלען
זיך די פראגע: ווער וועט זיין דער פרע־
זידענט, ווער וועלען זיין די וויים־פרע־
זידענטען און דער סעקרעטאר, וואס ווע־
לען צוזאמענשטעלען דעם אריינקומענ־
דען ג. ע. ב.? און מיר מוזען ענטפערען,
אז לויט אונזער מיינונג, איז עס כמעט
ווי זיכער, דאס די גאנצע אדמיניסטרא־
ציע פון דער אינטערנעשאנאל וועט בא־
שטעהן דורכאוים פון די, וועלכע האבען
געהאלטען און האלטען, אז די פיהרונג
פון דער יוניאן, ווי זי איז ביז איצט גע־
ווען, ניט אכטענדיג אויף אייניגע גרע־
סערע און קלענערע פעהלערען, איז גע־
ווען א ריכטיגע און די איינציגע מעגלי־
כע פאר א יוניאן. עס וועלען זיכער
אויסגעוועהלט ווערען אין דער אדמיני־
סטראציע נאר אזעלכע מעמבערס, וועל־
כע שטעהען פעסט אויף דעם פרינציפ,
אז די יוניאן מוז געפיהרט ווערען נאר
פון די מעמבערס פון דער יוניאן און פון
קיין אויסערזייטיגער פארטיי, וואס פאר
א נאמען זי זאל ניט טראגען.

☘

אויב עס איז געווען א קלער פאר
דער קאנווענשאן, אז אין דער אדמיני־
סטראציע פון דער אינטערנעשאנאל זא־
לען אויך ארייטרעטען עטליכע מענשען
פון דעם זאגענאנטען לינקען פליגעל, איז
דאס אבער דורך זייערע ביז־איצטיגע
האנדלונגען אויף דער קאנווענשאן גע־
מאכט געווארען כמעט ווי אוממעגליך.
זיי האבען געגען זיך פארביטערט די
גאנצע מאיאריטעט פון דער קאנווענשאן.
זיי האבען קלאר באוויזען, אז צווישען
זיי איז ניטא קיין איינציגער, פאר ווע־
מען די יוניאן זאל שטעהן איבער אלעס.
זיי האבען ארויסגעוויזען, אז פאר זיי
איז די יוניאן בלויז א מיטעל צו צוועק־
קען, וועלכע זיי באטראכטען פיל העכער,
ווי די יוניאן. זיי האבען קלאר דעמאנ־
סטרירט, אז בעת זיי ריידען מיט אזא
פייער ווענען דעם רענק־ענד־פייל און
זיינע אינטערעסען, זיינען זיי באריים צו
יעדער צייט אויפצואפפערען דעם רענק־
ענד־פייל מיט אלע זיינע אינטערעסען
צוליב זייערע העכערע צוועקען.

☘

אזעלכע זיינען שוין די סאמע בעסטע
צווישען זיי. פילע אבער מיינען קיין
אנדער זאך, ווי בלויז פערזענליכע אמ־
ביציעס און גאנץ קליינציגע פערזענליכע
אינטערעסען. און עס קען ניט זיין, עס
וואלט געווען משוגע'דיג צו גלויבען,
אז די קאנווענשאן זאל איבערגעבען דעם
שיקזאל פון דער יוניאן אין אזעלכע
אומפארטרויענסווערטע הענט. מיר ווי־
לען ניט, אז די לעזער פון דער „גערעכ־
טיגקייט" זאלען דאס אננעהמען מעהר,
ווי בלויז אן אויסדרוק, א מיינונג פון
אונזער זייט. עס קען זיין, אז מיר נאר־
רען זיך אפ. עס קען זיין, אז מיר רעכ־
נען אזוי, ווייל מיר ווינשען עס זאל
זיין אזוי. און מיר ווינשען עס דער־
פאר, ווייל מיר זיינען איבערצייגט, אז
עס וואלט געווען אן אמת'ער אומגליק,
ווען די קאנווענשאן וואלט אנדערש גע־
האנדעלט. דאס וואלט באטייט דער זי־
כערער טוים פון דער יוניאן. אבער עס
מוז צוגעגעבען ווערען, אז אויך דער
אויסוועג איז ווייט ניט דער בעסטער.

קורצע שמועסען

צווישען דעם רעדאקטאר :: און די לעזער ::

מ. מייקעלסאן, פ. וויִ־כאצקי, א. באַרטשי, שאפּ־טשערמאן און קאמיטע פון מאַריס בענד־לער'ס שאפּ. — אייער בריף וועט איהר געפינען פארעפענטליכט אין דעם נומער „גערעכטיגקייט“. מיר וואָלטען איהם נאָך געוועז פארעפענטליכט אין לעצטען נומער, ווען ער קומט אין צייט. אייער בריף רעדט פאר זיך אליין. ל. היימאן האט אין זיין ארטיקעל אין דער „גע־רעכטיגקייט“ מיט צוויי וואכען צוריק פשוט ניט דערצעהלט דעם אמת. ער־שטענס, האט איהר ניט געארבייט מעהר וויפיל עס איז אייך ערלויבט לויט די באשטימטע יוניאן־רולס. נעמליך צעהן שטונדען וואכענטיים; צווייטענס, האט איהר איין געוויסען טאג שבת געארבייט מיט היימאן'ס אייגענער ערלויבניס, און ניט ווי ער דערצעהלט די גאנצע מעשה. מיר פארעפענטליכען אייער בריף, ווייל, לויט היימאן'ס שרייבען, זיינט איהר גאר גוואלדיגע וועלט־איינשלינגער, און אז איהר האט געהאנדעלט נעגען די יוניאן־רולס. איהר האט א פאלשטענדיג רעכט צו מאכען קלאר פאר דער מעמבערשיפ, אז איהר זיינט גארניט אזוי שווארץ, ווי אייער מענעדזשער האט אייך געמאלט. אבער, לויט אונזער מיינונג, דארפט איהר זיך מיט דעם ניט צופרידען שטע־לען. איהר מוזט אנקלאגען מענעדזשער היימאן אין ניט דערצעהלען דעם אמת וועגען אייך, אין באשולדיגען אייך כמעט אלס „סקעבס“ פאר דעם דזשאינט באארד. דארט קענט איהר פארברענ־גען אייערע באווייזע, און אויף דעם גרונד דארף דער דזשאינט באארד ארויס־טראגען זיין אורטייל. און זאלט איהר אין דעם דזשאינט באארד צוליב אזא אדער אן אנדער אורזאכע ניט געפינען קיין גערעכטיגקייט, אפּעלירט אייער קייס צו א העכערער אינסטאנץ אין דער יוניאן, צום דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פון דער אינטערנעשאנאל. דאס איז א זעהר ערנסטער פאל. פונקט, ווי א מעמבער טאר ניט פארלוימדען און אויסטראכטען ליגענס וועגען א יוניאן־באאמטען, פונקט אזוי טאר ניט א באַ־אמטער מאכען א בלבול אויף א גאנ־צען שאפ ארבייטער. זיין פארברעכען איז נאך פיל גרעסער. איהר דארפט דארום בלויז מיט דעם בריף אין דער „גערעכטיגקייט“ ניט צופרידען שטעלען זיך, און גלויבען, אז איהר האט געטאן אייער פליכט בנוגע צו זיך און צו אייער גאנצען שאפ.

ה. באסין. — אייער בריף האַ־בען מיר ערהאלטען נאך א לאנגען ארומבלאנדזשען, ווייל איהר האט איהם געשיקט אויף א פאלשען אדרעס. דער ריכטיגער אדרעס איז: 3 וועסט 16טע סט. און ניט 16 איסט 16טע סט. אונ־זערע בריף־טרעגער מוזען זיין גאנץ אינ־טעליגענטע מענשען, ווען זיי האבען דאך געטראפען איבערצוגעבען אונז דעם בריף. אויב איהר האט די אנדערע זאך אזוי מיסדירעקטירט, ווייסען מיר ניט. אפשר וועלען מיר עס געפינען, קומענ־דיג צוריק קיין ניו יארק. אין דעם לעצ־טען פאל וועלען מיר עס געוויס איבער־לייענען, און אייך לאזען וויסען אונזער מיינונג. כאטש שוין ניט מעהר דורך די „גערעכטיגקייט“. דאס איז דער לעצ־טער נומער „גערעכטיגקייט“, וואס שטעהט אונטער אונזער רשות.

מאקס ענגהאפער. — עס איז שוין איצט אונמעגליך זיך צו איר־בערצייגען און איבערציינען אייך, אז מיר האבען געהאט רעכט מיט אונזער ענטפער. די בריף, וואס מיר פאר־עפענטליכען ניט, באהאלטען מיר ניט ביי זיך, סיירען זיי זיינען פון גאנץ באַ־זאנדערער וויכטיגקייט. אונז דאכט זיך, אז מיר האבען אייך גוט פארשטאנען. נאר, אז איהר באהויפטעט איצט, דאס מיר האבען אייך שלעכט פארשטאנען, נעמען מיר אייער ווארט, און בעטען אייך אום אנטשולדיגונג. לויט אייער ערקלערונג האט איהר מיט דעם ביי־שפיל פון ווילהעלם ניט געמיינט צו פארגלייכען מיט איהם די פיהרער פון דער יוניאן, נאר איהר האט געוואלט ארויסברענגען דעם געדאנק, אז ווער די יוניאן־פיהרער זאלען ניט זיין, מוזען זיי האבען די קאאפעראציע און די הילף פון די גרויסע ארבייטער־מאסען. א גע־דאנק, מיט וועלכען מיר זיינען פולקאם איינפארשטאנען, און פאר וואס עס קומט אייך די דאזיגע אנטשולדיגונג פון אונ־זער זייט, וואס מיר האבען אזוי שלעכט אויסגעטייטשט אייערע ווערטער. זאל דא אייך גוט געמאכט ווערען דער פעה־לער, וואס אין אונזער ענטפער האבען מיר אויסגעלאזען, דאס איהר אפּעלירט צו דער „פרייהייט“, אז זי זאל אויפ־פאדערען אונזערע שוועסטער און ברי־דער ניט צו ארבייטען אין סקעב־שעפער, און ניט ארבייטען קיין שטיק־ארבייט. אמת, מיר האלטען אזא אפּיל צו דער „פרייהייט“ פאר, מילד גערעדט, זעהר נאאיוו. מיר האלטען ניט דאס דאזיגע בלעטעל פאר אן ארבייטער־צייטונג. מיר באטראכטען איהר פאר דעם ערגסטען שונא פון דער יוניאן. אבער איהר מעגט דאך האבען אן אנדער מיינונג. עס איז אבער קלאר, אז איהר קענט ניט אין דער זעלבער צייט, ווען איהר באטראכט א געוויסע צייטונג פאר אן ארבייטער־צייטונג, און פארלאנגט פון איהר, אז זי זאל אפּעלירען צו די ארבייטער ניט צו טאן דאס אדער אנדערעס. אדער, פארקערט, צו טאן דאס אדער יענעס. זאגען איהר, אז זי זאל ניט רוקען די נאז, וואו מען דארף ניט. דאס מוזט איהר איבערלאזען צו דער צייטונג. זי איז די איינציגע צו באשטימען, וואס זי דארף און וואס זי דארף ניט טאן. דאס איז, לויט אונזער מיינונג, גאנץ איינ־פאכע לאגיק. און עס האט גארניט צו טאן מיט דער פראגע פון „רעכטע“ און „לינקע“. מיר האבען ניט געמאכט אייך קיין פארוואורף אין לינקיזם. אבער מיר האבען אייך פארגעווארפען, וואס אין אייער שרייבען האבען מיר ניט גע־געפונען די נויטיגע א"ב־לאגיק, און דערפאר איז אייער בריף ניט פארעפענט־ליכט געווארען.

יעקב בלעכער. — אויב עס זאל זיין ווירקליך אמת אייער באהויפּ־טונג, דאס די מעהרסטע מעמבערס גע־הערען ניט צו דער יוניאן פרייוויליג, אדער, ווייל זיי פארשטעהען, ווי נויטיג און לעבענס־וויכטיג עס איז פאר זיי צו געהערען צו א יוניאן, דאן איז אייער פארלאנג ארויפצוצווינגען אויף אזעלכע מענשען דעם באשלוס, דאס זיי מוזען געהערען צו אן ארבייטער פארטיי, און בלויז צו דער פארטיי, זעהר ניט קיין שכל'דיגער. קענט איהר זיך פארשטע־לען וואס פאר א חוזק דאס וועט זיין פאר די מיליאנען ארבייטער צו געהן אונטער דעם נאמען סאציאליסטען, אז זיי חייסען ניט וועגען סאציאליזם דאס מינדעסטע? אויסער דעם, וואס דאס וואלט געווען א חוזק, וואלט עס געווען א פשוט'ער בלאף, א ליגען, וואס קען לאנג קיין קיום ניט האבען, און די אי־דעע פון סאציאליזם, פון אן ארבייטער־פארטיי וואלט פון דעם זעהר פיל געלי־טען. זי וואלט מיט רעכט געמאכט גע־ווארען צו שאנד און שפאט פון איהרע געגנער. דאס איז אלץ גערעדט אין דעם פאל, ווען אייער באהויפטונג, אז די יוניאן איז ניט קיין פרייוויליגע ארגאַ־ניזאציע וואלט געווען ריכטיג. אונז דאכט זיך אבער, אז איהר פארשטעהט שלעכט דאס ווארט פרייוויליג. עס לוינט זיך, לויט אונזער מיינונג, אפּצו־שטעלען אויף דעם א קאפּיטשקע. פון דעם פיזאפישען שטאנדפונקט, וואס באהויפטעט, אז עס איז איבערהויפט ני־טא אזא זאך, ווי פרייער ווילען, זיינט איהר געוויס גערעכט. דאן איז אלץ, וואס מיר טוען, ווערט אויף אונז ארויפ־געצוואונגען. למשל, איהר זאגט: „איך וויל עסען“. איז דאס ניט ווייל דא פונק־ציאנירט אייער פרייער ווילען, נאר ווייל געוויסע פיזישע געזעצע מאכען אייך צו וועלען עסען. דער לעדיגער מאגען איז עס דער, וואס מאכט אייך וועלען. און דאס זעלבע איז ריכטיג ביז צו א גרוי־סען גראד וועגען אלע אנדערע מענש־ליכע טעטיגקייטען. מיר טוען דאס, וואס מיר מוזען טאן; נעגען וואס מיר קענען זיך ניט ווערען. אבער, ווייל מיר זיינען זיך באוואוסט וועגען דעם מוז, גיבען מיר עס דעם נאמען: מיר ווילען. און איצט, נאך דער קור־צער, כאטש זעהר אומנויטיגער ערקלע־רונג, לאמיר זעהן ווי שטעהט עס מיט דער פראגע פון דעם איינצעלנעם מעמ־בער בנוגע צו זיין יוניאן. קיין אויסע־רער צוואנג, ווי, למשל, א געזעץ, וועל־כען יעדער מוז פאלגען, אויב ער וויל ניט זיין אונטערווארפען אלערליי שטראפען, איז אין דער הינזיכט ניטא, און עס קען ניט זיין. פאלגליך, פון דעם שטאנדפונקט איז עס אבסאלוט ריכטיג ווען מיר זאגען, אז יעדע ארביי־טער־יוניאן איז א פרייוויליגע ארגאני־זאציע. נאר, וואס דען, דער ארבייטער ווערט געצוואונגען צו געהערען צו דער יוניאן צוליב זיינע עקאנאמישע אינטער־רעסען. איז עס דאך פונקט אזא צוואנג, ווי דער צוואנג פון הונגער, פון וועלען עסען, פון זיין צוגעבונדען צו דער ערד, פון ניט קענען זיך אויפהויבען אין די לופט, ווי א פויגעל. מיר גלויבען אבער ניט, אז איהר רעדט פון א געצוואונגע־נע מעמבערשיפ אין דעם זין. מיר פאר־שטעהען, וואס איהר האט אין זינען, כאטש איהר זאגט עס ניט ארויס. נ. ג. וועלען מיר עס טאן פאר אייך. פילע געהערען צו דער יוניאן, ווייל זיי מוזען, ווייל די יוניאן צווינגט זיי; ווייל, אויב ניט, קענען זיי ניט קריגען קיין ארבייט אין שאפ, ווען די באשטימטע אינדוס־טריע איז יוניאניזירט. זיי וואלטען גע־וואלט סקעבען, לאזט זיי ניט די יוניאן. און מאנכעס מאל געברויכט זי צוואנג דערצו. פאלגליך קען מען ניט זאגען, לויט אייער מיינונג, אז די יוניאן איז א פרייוויליגע ארגאניזאציע. דאס האט איהר אודאי געמיינט צו זאגען, כאטש איהר זאגט עס ניט ארויס. דאכט זיך אונז, אז איהר מאכט דא ווידער א טעות. א יוניאן, וועמעס גרעסטער טייל מיטגלידער זאלען זיין געצוואונגען צו געהערען צו איהר, קען לאנג קיין קיום ניט האבען. פריהער אדער שפעטער מוז זי צופאלען. ווארים קיין אויסער־ליכער צוואנג, קיין געזעץ איז ניטא. דער פאקט, דאס א יוניאן עקזיסטירט, לעבט, קעמפט און האט דורכפאלען אדער זיגע, איז דער בעסטער באווייז פאר אונז, אז די מעהרסטע מעמבערס איהרע פארשטעהען די נויטווענדיגקייט פון גע־הערען צו א יוניאן, און זיי צאהלען זייערע דיוס און אלע אנדערע נויטיגע צאהלונגען, ווייל זיי וויסען, אז אנדערש קען די יוניאן ניט עקזיסטירען, און זיי ערוווארטען, אז די דאזיגע צאהלונגען זא־לען זיי פיל גוטעס טאן. אנדערש קען עס ניט זיין. עס קענען אבער זיין איינ־צעלנע, וועלכע שטעלען זיך געגען דער יוניאן צוליב אונפארשטאנד אדער צו־ליב גאנץ קליינע פערזענליכע אינטערע־סען. זיי, אלזא, הויבען אויף א קאמף געגען די פרייוויליגע ארגאניזאציע. בלייבט, נאטירליך, ניט קיין אנדער אויסוועג פאר דער פרייוויליגער ארגא־ניזאציע, ווי צו פארטיידיגען זיך געגען די גאנץ אונסאציאלע פארשוינען, ביז זיי ווערען באזיגט. דאס אבער, לויט אונזער מיינונג, מאכט נאך ניט די יונ־יאן פאר א ניט פרייוויליגער ארגאני־זאציע. אין איהר יסוד, אין איהר כא־ראקטער איז זי זיכער דורך און דורך פרייוויליג. ווייטער זאגט איהר אין אייער בריף, אז די סאציאליסטישע פאר־טיי האט ניט פארטראטען די ארביי־טער. ריכטיג. אבער וועמענס שולד איז עס? זיכער ניט די שולד פון דער סא־ציאליסטישער פארטיי, נאר פון די אר־בייטער, וועלכע האבען זיך אן איהר ניט אנגעשלאסען און טאקע דערפאר האט זי אזוי וועניג געקענט אויפטאן. אבער וועט דען אן ארבייטער־פארטיי בלויז אין נאמען, אהן די געוויסע מאסען אר־בייטער זיין אין א בעסערער לאגע? געוויס ניט. און דערפאר איז אונזער מיינונג, אז צו פאסען רעזאלוציעס אויף א יוניאן־קאנווענשאן וועגען זאכען, וועל־כע הויבען ניט אן אינטערעסירען די ארבייטער, איז ערגער, ווי נוצלאז. מיר קענען אויך ניט פארשטעהן, ווארום איהר גלויבט, אז די אויפקלערונגס־אר־בייט פון אן ארבייטער־פארטיי וועט זיין מעהר ווירקזאם, ווי די פון דער סאציא־ליסטישער פארטיי. עס שיינט, אז איהר האט בלויז זיך איינגערעדט נאר פילע זאכען, אבער דאס איהר האט ניט, און קענט ניט האבען, פאר זיי קיין ריכטיגע ערקלערונג.

ב. לעווין. — איהר זיינט, ווי עס זעהט אויס, איינער פון די גאנץ אויפמערקזאמע לעזער, וועלכע זיינען אונז באזאנדערס ליב. אין דעם נאטיץ, וואס פאנגט זיך אן מיט די ווערטער: „איך בין געוויס ניט צופרידען“, פעהלט ווירקליך דער זאץ: „איך קען מיינע לינקע“. דער „זיי“, אלזא, וועלכע מאַ־כען עס אן דעם גאנצען טומעל, געהט אויף די לינקע, און אויף קיינע אנדערע.

ז. נר—ד. — געוויס האבען מיר אין די זיבען יאהר „שמועסען“ מיט די לעזער פון צייט צו צייט „געלאזען צו פיל פרייהייט“ צו אונזער פען אין באַ־צוג צו פילע, וואס האבען צו אונז גע־שריבען. און עס וועט אונז גארניט וואונדערען, ווען פילע האבען זיך גע־פיהלט באליידיגט דורך אונזערע ענט־פערס. און זיינען אונז דערפאר געווארען שונאים. און מיר ווילען ניט באהויפּ־טען, אז מיר זיינען אין אלע ענטפערס געווען דורכאויס גערעכט. אפשר האַ־בען מיר ווירקליך באדארפט א ביסעל שטארקער זיך קאנטראלירען און נעפּי־נען נאר פילעס, וואס זאל אנטשולדיגען די שרייבער; אבער, איהר קענט זיך קיין באגריף ניט מאכען, וואס פאר א סארט בריף מיר פלעגען קריגען פון גאר מאנכע לעזער פון דער „גערעכטיגקייט“. עס איז כמעט אונבאגרייפליך, ווי קענען מענשען זיך באנוצען מיט א שפראך, וואס פאסט זיך פאר די געזונקענסטע פון די געזונקענע אין אונזער געזעל־שאפט. מיר וועלען, אפשר, ווען־עס־איז שפעטער געבען איינינע פראבען פון די דאזיגע בריוולאך, אום צו ווייזען, אויף וואס מאנכע ארבייטער זיינען פעהיג. אבער איצט, ווען אלעס איז פאראיבער, זיינען מיר זיי מוחל. זיי זיינען דאך ווירקליך ניט שולדיג אין דעם, וואס זיי האבען ניט געקראגען די מינדעסטע ער־ציהונג. דערצו איז נאך צוגעקומען די שעדליכע העצעריי פון דער גאסען־בלע־טעל, וועלכע איז עס געווארען זייער לעהרעריין, זייער וועג־ווייזעריין און זייער פארקעמפעריין. טו איז עס עפעס א וואונדער, וואס זיי האבען אונז צוגע־שיקט אזעלכע בריוולאך? יע, זיי זיינען מיר פון גאנצען הארצען מוחל. מיר וועלען אבער ניט און קענען ניט מוחל זיין דער באנדע אוואנטיוריסטען, וואס פארשוועכט דעם נאמען קאמוניזם, וועל־כע האלטען אין איין פארפיהרען די ארבייטער, אפעלירענדיג צו זייערע ני־דעריגסטע און געמיינסטע אינסטינקטען פון איין זייט, און צו זייער גייסטיגער אונאנטוויקעלטקייט, פון דער אנדערער זייט. זיי, די גאנץ באוואוסטזיניגע פארברעכער, קענען מיר ניט און וועלען ניט מוחל זיין, און וועלען זיי באקעמ־פען, אזוי לאנג, ווי מיר וועלען לעבען.

אנארכיסטישע גרופּע
א. ל. ג. וו. י. — מיר האבען ערהאלטען אייער צייטונג. וואס איהר האט אנגע־הויבען ארויסצוגעבען, און כאטש עס האט אונז פון איין זייט געערגערט, וואס איהר האט געהאלטען פאר נויטיג ארויס־צוגעבען אן אייגענעם ארגאן, און דער־מיט געזאגט גאנץ קלאר, אז די „גע־רעכטיגקייט“ שטעלט אייך ניט צופרי־דען, איז אבער פון דער אנדערער זייט מוזען מיר באוואונדערען אייער אפּפער־פעהיגקייט פאר דאס, וואס איהר האלט פאר נויטיג און ניצליך. וואס אנבא־טרעפט אונז, מוזען מיר זיין גאנץ אפענ־הערציג מיט אייך און ערקלערען אייך, אז מיר האלטען עס פאר אומזיסט פאַ־ספענדעטע ענערגיע. מיר וועלען זיך ניט אפּשטעלען אויף יעדען ארטיקעל באזונ־דער, איינינע פון וועלכע, כאטש מיר קענען מיט זיי ניט זיין אין גאנצען איינפארשטאנען, זיינען גאנץ גוטע, און מיט אייניגע אויסבעסערונגען וואלטען זיי זיכער געקענט פארעפענטליכט ווע־רען אין דער „גערעכטיגקייט“; מיר ריידען פון דער צייטונג, וואס הייסט „דער יוניאן־ארבייטער“.

אונז דאכט זיך, אז די צייטונג וועט פארפעהלען איהר ציל. זי וועט ניט דערגרייכען און נאך וועניגער וועט זי נעלייענט ווערען פון די גרויסע מאסען, און דערפאר קען פאסירען, אז אייער גאנצע שווערע הארעוואניע זאל זיין ארויס:געווארפען. איבערהויפט זעהען מיר ניט איין, צו וואס איהר דארפט ארויסגעבען אויף אייער אייגען געלט אן אייגענע צייטונגעל, אז איהר האט דאך אן אייגענע צייטונג, די „גערעכטיג־קייט“, וועלכע איז זיכער ניט וועניגער אייערע ווי פון אלע אנדערע מיטגלידער. און מיר קענען זיך ניט דערמאנגען, אז די, וועלכע ארבייטען מיט אין דער ציי־טונג, אויסער נג. שוין, זאל אונז ווען האבען צוגעשיקט זייערע ארטיקלען. פאר וואס האבען זיי עס ניט געטאן? ווארום ניט באנוצען זיך מיט דעם איי־גענעם ארגאן, און וועקגעבען אזוי פיל צייט, געלט און ענערגיע, אום ארויסצו־געבען א קליין בלעטעל, וועלכע קען ניט דערגרייכען אפילו א קליינעם פראצענט לעזער. וואס די „גערעכטיגקייט“ האט. עס איז אמת, אז די „גערעכטיגקייט“ קען זיך ניט באריהמען מיט דער פול־סטער מיינונגס־פרייהייט, און מאנכע אויסדריקע וועגען פיהרער וואלט פי־לייכט ניט געדולדעט געווארען, אבער קלוגע מענשען דארפען קענען אזוי שריי־בען, אז „אי די ציג זאל זיין גאנץ און אי דער וואלף זאט“. און פאר מאנכע פון די שרייבער פון דעם „יוניאן־ארביי־טער“ וואלט עס געווען א זעהר אינטע־רעסאנטער און ניצליכער עקסערסייז. נאר פון דעסטוועגען באגריסען מיר אייך צו אייער אונטערנעמונג. און ווילען האַ־פען, דאס „דער יוניאן־ארבייטער“ אין זיינע ווייטערע נומערען וועט ארויסווייַ־זען אלץ בולט'ער דעם גרויסען אונטער־שייד צווישען די אנארכיסטען און קאַ־מוניסטען אין באצוג צו די יוניאן־פיה־רער. זיכער די אנארכיסטען מוזען פאר־שטעהן, אז עס איז א גרויסער אונזין און אונגערעכט פאר אלע יוניאן־צרות צו באשולדיגען די פיהרער. אזעלכע אטאַ־קען, געמאכט פון די אנארכיסטען, קע־נען פארפיהרען דעם גרויסען עולם צו דעם אומגעלומפערטען געדאנק, אז איי־גענטליך איז נאר קיין אונטערשייד ניטא צווישען די ביידע, בעת אין דער אמת'ן זיינען זיי ווייט איינע פון די אנדערע, ווי מזרח פון מערב. האלט זיך איבער־הויפט פעסט ביי דעם איינציגען פונקט אין אייער פראגראם, אז „די יוניאן מוז זיך האלטען אין די גרענעצען פון ריין עקאנאמישען קאמף און מוז געפיהרט ווערען (נאר) פון די מיטגלי־ער פון דער יוניאן“. און פון קיינע אויטסיידיגע דיק־טאטארס, און אייער ארבייט פאר דער יוניאן וועט געוויס זיין א זעהר אנגע־נעמע. היט זיך אבער צו פארמישען עס מיט אנארכיסטישע פראפאגאנדע, ווייל דאן וועט איהר פארדינען דעם

(שלוס אויף זייט 12)

פרעזידענט זיגמאנ'ס רעדע ביי דער ערעפענונג פון דער קאנווענשאן

(געהאלטען אין ארטש סטריט טעאטער, פילאדעלפיא, מאנטאג, דעם 30טען נאָוועמבער, 1925).

ברודער טשערמאן פון דער ארענדזשמענטס קאמיטע, מיטגלידער פון אונזערע פילאדעלפיער לאקאלס, דעלעגאטען, געסט און פריינד! מיר שעצען זעהר די ארט און ווייזע, ווי אזוי איהר האט ארראנזשירט אט די פראכטפולע פארזאמלונג, אט די גרויסארטיגע צוזאמענקונפט, צו וועלכער איהר האט איינגעלאדען אלע מיטגלידער פון אונזערע לאקאל־יוניאנס אין פילאדעלפיא; און מיר דאנקען אייך פאר דעם, וואס איהר האט צו דער ערעפענונג איינגעלאדען אונזערע פריינד פון דער ארגאניזירטער ארבייטער־באוועגונג אין פילאדעלפיא, וועלכע האבען דא געהאלטען אזוינע באגייסטערענדע און קאנסטרוקטיווע רעדעס. זייערע רייד וועלען אונז העלפען, וועלען אונז צוגעבען פרישען מוט אין אונזער ווייטערדיגער ארבייט און טעטיגקייט.

ביים עפענען פארמעל די זיצונג פון דער קאנווענשאן, איז עס פאר מיר, אלס דער פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט וואירקערס יוניאן, אין פלאץ און אין צייט צו ציהען די אויפמערקזאמקייט פון די דעלעגאטען, וואס פארטרעטען די מיטגלידער פון אונזערע לאקאלס איבער'ן גאנצען לאנד און קענעדע און אויך אונזערע פריינד, וואס זיינען דא פארזאמעלט, צו דער געשיכטע פון דעם לעבען און די קאמפען פון אונזער גרויסער אינטערנעשאנאל יוניאן. עס ווילט זיך ווארפען א בליק צוריק צו יענע ערשטע טעג, ווען אונזער אינטערנעשאנאל איז נאך געווען אין איהרע קינדער־יאהרען.

די ערשטע קאנווענשאן פון אונזער אינטערנעשאנאל איז אויך אפגעהאלטען געווארען אין פילאדעלפיא. דאס איז געווען אין יאהר 1900. עס קען ניט זיין קיין שום צווייפעל, אז ווען עס איז דערמאלט באשלאסען געווארען, אז די ערשטע קאנווענשאן אונזערע זאל געהאלטען ווערען אין דער שטאדט פילאדעלפיא, האבען יענע מענשען דערביי געהאט אין זינען דעם הויכען אידעאל און דעם גרויסען פרינציפ, אויף וועלכער עס בארוט די ארגאניזירטע ארבייטער־באוועגונג, און וואס נאר א דאנק דעם, קען די באוועגונג געהן פאראויס און מאכען פראגרעס. דאס איז דערפאר, ווייל זיי האבען געשטרעבט נאך ברודער־ליבע.

אויף יענער קאנווענשאן זיינען געווען אנוועזענד פינף און צוואנציג דעלעגאטען. איך ווייס ניט גענוי, וויפיל מיטגלידער זיי האבען פארטראטען. ווען איך האב זיך אנגעשלאסען אן דער יוניאן, אין יאהר 1908, איז די מיטגלידערשאפט פון דער אינטערנעשאנאל איבער'ן גאנצען לאנד געווען בלויז ארום פינף טויזענט.

יענע פינף און צוואנציג דעלעגאטען, וואס זיינען זיך צונויפגעקומען אין יאהר 1900 אין פילאדעלפיא, האבען אויסגעקליבען די דאזיגע שטאדט, ווייל דא איז אונטערגעשריבען געווארען דער היסטארישער דאקומענט, די „דעקלעריישאן אוו אינדעפענדענס", דער באפרייאונגס־אקט פון דעם לאנד. און אויך זיי זיינען זיך צונויפגעקומען אונטערצושרייבען א „דעקלערישאן אוו אינדעפענדענס", א באפרייאונגס־אקט פון די לײדיס גארמענט וואירקערס פון דעם לאנד, וועלכע זיינען צו יענער צייט געווען אינגאנצען אומארגאניזירט; וועלכע זיינען געווען שרעקליך פארשקלאפט און עקספלאאטירט. אפשר מעהר נאך, ווי אירגענד וועלכע אנדערע ארבייטער פון דעם לאנד.

אין דעם יאהר 1900, ווען די קליינע גרופע פיאנערען האט זיך פארזאמעלט אין פילאדעלפיא, האט מען איהר ניט באגעגנט מיט בלומען. עס איז דארט אויך ניט געווען קיין מוזיק יענע מענשען צו באגייסטערען. פאר זייערע אויגען איז געשטאנען די גרויסע אויפגאבע צונויפצוברענגען און ארגאניזירען די גרויסע צאל ארבייטער פון דער לײדיס גארמענט אינדוסטריע אין א קאמף־ארגאניזאציע. זיי האבען געהאט א גרויסע וויזיאן און זיך אונטערגענומען א גרויסע און א שווערע ארבייט.

היינט צו טאג, נאכדעם ווי מיר האבען אין די לעצטע פיר־פינף יאהר צייט דורכגעמאכט א זעהר שווערע צייט אין אונזערע אינדוסטריען, קענען מיר נאך אלץ צעהלען איבער הונדערט טויזענט מענער און פרויען, וואס זיינען ארגאניזירט אונטער דער פאהן פון אונזער אינטערנעשאנאל יוניאן! (אפלאדיסמענטען). און איצטער, קומענדיג צו דער קאנווענשאן, האבען מיר פאר זיך די אויפגאבע אריינצוברענגען אין אונזער ארגאניזאציע נאך א הונדערט טויזענט ארבייטער פון דער לײדיס גארמענט אינדוסטריע איבער'ן לאנד, וועלכע זיינען נאך ניט ארגאניזירט. מיר מוזען זיי אריינברענגען אין אונזערע רייהען, פאר אונזער אזוי גוט ווי פאר זייער בענעפיט און פאר דעם בענעפיט פון דער גאנצער ארגאניזירטער ארבייטער־באוועגונג.

⁂

דאס איז די 18טע קאנווענשאן פון אונזער ארגאניזאציע.

א קאנווענשאן, וואס ווערט צונויפגערופען פון אן ארבייטער־ארגאניזאציע, איז ניט סתם א צוזאמענקונפט. אזעלכע קאנווענשאנס ווערען גערופען צו באטראכטען וויכטיגע פראגען און פראבלעמען בנוגע דעם לעבען און דעם וואוילזיין פון די ארבייטער אין דער אינדוסטריע. אן ארבייטער־יוניאן איז אן ארגאניזאציע, וואס איז שטענדיג אין קאמף מיט די באלעבאטים, און דארף כסדר טראכטען וועגען די וויכטיגע פראגען און פראבלעמען פון טרייד.

אויף אונזער היינטיגער קאנווענשאן וועלען מיר דארפען אויפנעהמען דעם פראבלעם, ווי אזוי צו ארגאניזירען די טויזענטער ארבייטער, וואס זיינען אריינגעקומען און האלטען נאך אין אריינקומען אין אונזער אינדוסטריע, צוליב געוויסע ענדערונגען, וואס זיינען אין דער אינדוסטריע פארגעקומען. און מיר וועלען אויך דארפען אויפנעהמען דעם פראבלעם, וואס האט צו טאן מיט דער מאראל פון דער ארבייטער־באוועגונג און פון אונזער ארגאניזאציע. מיר וועלען דארפען באשליסען, ווי צו האנדלען און נעהמען א שטעלונג, וואס קען אפשר פיהרען צו א גאנץ ערנסטען שטרייט מיט מאנכע באלעבאטים אין געוויסע מארקעטס. און מיר וועלען אויך דארפען באטראכטען די לאגע פון די לײדיס גארמענט וואירקערס דא, אין פילאדעלפיא.

פילאדעלפיא האט שוין ניט ווייניג בייגעטראגען צו באריינערן די געשיכטע פון אונזער אינטערנעשאנאל. מיר האבען דא געהאט צוויי גרויסע און שווערע קאמפען: איינעם פון קלאוקמאכער, אין יאהר 1913. די בראווע קעמפער זיינען דעמאלט געשטאנען אין קאמף זעקס און צוואנציג וואכען. און כאטש די באלעבאטים זיינען דעמאלט געוועזען די זיגער, האבען זיי מיט דעם זיג ניט לאנג געקענט זיך פריידען. די ארבייטער האבען ניט פארלארען דעם מוט און מיט א יאהר שפעטער האבען מיר ניט נאר אפגעוואונען, וואס מיר האבען געהאט פארלארען, נאר מיר זיינען געגאנגען נאך א טריט ווייטער.

א צווייטער גרויסער און שווערער קאמף איז דא פארגעקומען פון די דרעס־ און ווייסט־מאכער, אין דעם יאהר 1922, און כמעט מיט'ן זעלבען רעזולטאט. אויך דער קאמף איז פארלארען געווארען. אבער מיט א יאהר שפעטער איז דער קאמף באזיגט געווארען; און די דרעס־ און ווייסט־מאכער יוניאן פון פילאדעלפיא איז ווידער אויפגעבויט געווארען.

אבער אין פילאדעלפיא איז נאך דא א גרויס פעלד פאר א טיכטיגער ארגאניזאציאנס־ארבייט. האבענדיג דא אונזער קאנווענשאן, וועלען מיר דארפען באטראכטען יעדען צווייג פון דער לײדיס גארמענט אינדוסטריע דא אין שטאדט, און זעהן, וואס עס קען געטאן ווערען, אז די היגע ארבייטער פון אונזערע אינדוסטריען זאלען בענעפיטירען פון דעם, וואס די קאנווענשאן ווערט דא אפגעהאלטען.

⁂

איך ווייס ניט, אויף וועלכען אופן איך קען אמבעסטען באדאנקען די רעדנער, וואס האבען גערעדט פאר מיר, און האבען אונז צוגעגעבען גאר א סך מוט צו געהן פאראויס, צו קעמפען פאר א בעסער לעבען פאר אונזערע מיטגלידער. מיר שעצען גאר א סך דעם הארציגען ווילקאמען, וואס מיר האבען באקומען פון ברודער מאורער, פרעזידענט פון דער פענסילוועניא סטייט פעדערישאן אוו לייבאר, און די אנדערע רעדנער: בר. ריטשי, ברודער בראגינסקי און אונזער אלטער פריינד, ברודער ה. וויינבערג, מיט וועלכען איך האב געארבייט צוזאמען אין יאהר 1900 אויף דעם ארגאניזאציאנס־געביט. מיר זיינען דעמאלט געווען פארנומען פארצובערייטען דעם היסטארישען קלאוקמאכער סטרייק פון 1910 און מיר האבען אנגעפיהרט א גרויסען ארגאניזאציאנס־קאמפיין. איך האף, אז די רעדנער וועלען באזוכען אונזער קאנווענשאן. איך האף אויך, אז דאס, וואס מיר האלטען דא די קאנווענשאן, וועט זיין לטובה פון די אלע יוניאנס אין פילאדעלפיא און פון די ארגאניזירטע ארבייטער.

אויף דער קאנווענשאן וועלען מיר האבען א פארטרעטער פון די ארגאניזירטע קליידער־ארבייטער פון דייטשלאנד, דאס איז ברודער פלאטעל, דער פרעזידענט פון דער פעדעראציע פון די נידעל־ארבייטער יוניאנס אין דייטשלאנד. ער קומט אלס א פראטערנעל דעלעגאט צו אונזער קאנווענשאן. מיר ערווארטען אויך, דאס ברודער וויליאם גרין, דער פרעזידענט פון דער אמעריקאן פעדערישאן אוו לייבאר, וועט זיין א גאסט אויף אונזער קאנווענשאן.

צום שלוס דריק איך אויס מיין הארציגסטע באגריסונג צו אלע דעלעגאטען צו דער קאנווענשאן. איך בעט אויך צו האבען אין זינען, דאס אלס דעלעגאטען, פארטרעט איהר ניט זיך אליין, דאס איהר זייט די שלוחים פון דער מיטגלידערשאפט, וועמען איהר פארטרעט, און וועלכע האבען אייך געשענקט זייער צוטרוי. ערפילענדיג אייער פליכט, זאלט איהר שטענדיג האבען אין זינען דאס לעבען פון די מיטגלידער; די קאמפען און דאס שטרעבען פאר א מעהר גליקלאך לעבען פון די צעהנדליגער טויזענטער מיטגלידער, וואס איהר פארטרעט.

איך וויל, איהר זאלט אויך האבען אין זינען, דאס א טרייד־יוניאן קאנווענשאן איז א זעהר קאנסטרוקטיווע צוזאמענקונפט פאר'ן וואוילזיין ניט נאר פון די ארבייטער, וואס זיינען ארגאניזירט אין דער ארגאניזאציע, זאנדערען פאר'ן וואוילזיין פון דער גאנצער מענשהייט. און ווי ברודער מאורער האט געזאגט: די ארבייטער־באוועגונג וועט מיט אינטערעס נאכפאלגען אונזערע האנדלונגען אויף דער קאנווענשאן.

איך באגריס אלע מיטגלידער פון אונזער אינטערנעשאנאל און איך באגריס אלע אונזערע פריינד און געסט. איך בין זיכער, דאס אונזער קאנווענשאן, פונקט אזוי גוט, ווי אונזערע קאנווענשאנס פון פריהער, וועט אויפטאן גרויסע זאכען און וועט פיהרען אונזער ארגאניזאציע צו פארטשריט און פראגרעס, צו דער צופרידענהייט פון דער ארבייטער־באוועגונג בכלל און פון אונזערע מיטגלידער בפרט.

איך דאנק אייך! (א לאנג־דויערענדער אפלאוז).

פ. ב. אקסעלראד

(צו זיין 75טען געבורטסטאג)

פון ב. מיכאלעוויטש.

(סוף)

אונטער דער גוואלדיגער השפעה פון לאסאלס אגיטאציע־ביכער האט אקסעלראד באשלאסען צו גרינדען אויך אין רוסלאנד א געהיימע רעוואלוציאנערע ארגאניזאציע. און ער האט אנגעהויבען צו זוכען פאר זיין פלאן חברים און מיטהעלפער, זוכען מיט דעם גאנצען ברען פון זיין טעמפעראמענט. ער פראפאגאנדירט צווישען זיינע באקאנטע סטודענטען, ער לייענט רעפעראטען, ער שרייבט לאנגע בריף־ארטיקלען, וואס ווערען פאנאנדערגעשיקט אין פארשידענע ערטער, ער פארט קיין קיעוו, קיין אדעס, פיהרט דיסקוסיעס, ווערבירט מיטגלידער פאר זיינע געהיימע קרייזלאך.

אבער וואס זאלען טאן די רעוואלוציאנערע סטודענטען? ווי אזוי זאלען זיי צו קומען צום „פערטען שטאנד" אין דעם פינסטערען, פארשלאגענעם, פארשקלאפטען רוסלאנד? און אקסעלראד קומט צום באשלוס, אז מען מוז זיך פארבינדען מיט די מאסען דורך א נעץ פון בילדונגס־קרייזען. מען וועט דארט לערנען לייענען און שרייבען און נאכדעם איבערגעהן צו רעוואלוציאנערער פראפאגאנדע.

ער אליין האט אויף א גאנץ ארגינעלען אופן אנגעהויבען אין יאהר 1872 זיין פראקטישע פראפאגאנדע צווישען „פאלק". ער האט דאמאלס געוואוינט אין קיעוו ביי דעם העברעאישען פאעט דר. קאמינער (זיין צוקונפטיגער שווער): אקסעלראד האט חתונה געהאט מיט קאמינערס טאכטער נאדעזשדא. אויפ'ן הויף ביי קאמינערען האבען געארבייט טשעפעלארעס. אקסעלראד האט פארפיהרט א געשפרעך מיט איינעם פון זיי, און אהן מחזקות געפרעגט ביי איהם, צי ער וויל זיך אויסלערנען לייענען. יענער האט מסכים געווען, און אקסעלראד האט אנגעהויבען אריינצוגעהן צו די דאזיגע ארבייטער א היים, פלעגט מיט זיי פיהרען געשפרעכען אויף אומשולדיגע טעמעס און ביסלעכווייז, בהדרגה איבערגעהן אויך צו סאציאליסטישער, רעוואלוציאנערער פראפאגאנדע. אקסעלראד פלעגט אויך אין גאס אפשטעלען ארבייטער, שליסען מיט זיי קענטשאפט און זיי פראפאגאנדירען.

אין יאהר 1874 האט זיך ביי אקסעלראד'ען און זיינע חברים ענטגילטיג אויסגעארבייט זייער רעוואלוציאנערע אנשויאונג, זיי האבען שוין געהאט פאר זיך א באשטימטע ארבייטס־פראגראם. דאס איז געווען די אנשויאונג פון מיכאיל באקונין, די טאקטיק פון ארגאניזירטע בונטען אין ברייטען מאסשטאב. די גאנצע פויערען־מאסע האט באקונין געלערענט, איז סאציאליסטיש און רעוואלוציאנער לויט איהר אינסטינקט. דער בולט'סטער אויסדרוק פון רעוואלוציאנערען פאלקס חוש זיינען די רויבער און פארברעכער, וואס ווילען זיך נישט אונטערווארפען די איינגעשטעלטע געזעצען פון די פריווילעגירטע קלאסען. די באוואוסטזיניגע רעוואלוציאנערען דארפען דארום געהן טיף אין די מאסען, אויסנוצען די רעוואלוציאנערע ענערגיע, ארגאניזירען בונטען, אונטערהאלטען סטיכישע אויפשטאנדען, פארבינדען זיך מיט אלע צושטערענדיגע עלעמענטען, קרימינעלע פארברעכער, רויבער און בכלל אומצופרידענע און אזוי ארום ארגאניזירען די סאציאלע רעוואלוציע.

עס האט זיך אנגעהויבען אין דער געשיכטע פון דער רעוואלוציאנערער באוועגונג דער אזוי גערופענער פעריאד פון „געהן אין פאלק". הונדערטער סטודענטען און סטודענטקעס האבען אראפגעווארפען פון זיך זייערע פריצישע שטאדטישע מלבושים, האבען זיך אנגעטאן אין סערמיאגעס, אין פויערישע בגדים, האבען זיך אוועקגעלאזט אין דארף, כדי דארטען רופען און ארגאניזירען די סאציאלע רעוואלוציע.

יעדער פון די רעוואלוציאנערע אינטעליגענטען האט זיך גענומען פאר פיזישע ארבייט און אויך אקסעלראד האט זיך אויסגעלערנט סטאלעריי. די ארבייט האט זיך פארצווייגט, עס איז נויטיג געווען א טעארעטישער רעוואלוציאנערער ארגאן, און אקסעלראד באשליסט אוועקצושטעלען א געהיימע דרוקעריי ביי זיין שווער ערגעץ אין א גוט, וואס יענער האט געקויפט.

אין דער זעלבינער צייט פאהרט ער אוועק זוכען פארבינדונגען מיט בארימטען רויבער־באנדיט, וואס האט דאמאלסט זעהר טעראריזירט די פריצישע גיטער. אקסעלראד און זיינע חברים מיינען, אז דער דאזיגער באנדיט וועט זיי צוניץ קומען פאר דער רעוואלוציע.

אבער אזוי ווי די גאנצע ארבייט איז געפיהרט געווארען זעהר ניט פארזיכטיג, כמעט האלב אפען, ניט איבערגעקליבען קיין מענשען, איז די גאנצע ארגאניזאציע גיך אויפגעדעקט געווארען דורך די זשאנדארמען, איינינע פון די „פראפאגאנדירטע" קרימינעלע האבען ארויסגעגעבען אלץ, וואס זיי האבען געוואוסט, ס'האבען זיך אין גאנץ רוסלאנד אנגעהויבען מאסען ארעסטען, — די זשאנדארמען האבען געהאט א לייכטען און א רייכען שנים, די טורמעס זיינען געווארען איבערפולט מיט רעוואלוציאנערען. פארשטעהט זיך, אז אויך אקסעלראד'ס נאמען איז געווען באקאנט די זשאנדארמען. איהם האט אבער אפגעגליקט צו לויפען קיין אויסלאנד און קומען בשלום קיין בערלין.

דא האט אקסעלראד צום ערשטען מאל געזעהן מיט זיינע אויגען די דייטשע ארבייטער פארזאמלונגען, וועגען וועלכע ער האט געלייענט מיט אזא התפעלות ביי לאסאל'ן. און הגם ער איז דאמאלסט נאך געווען א גלויבינער באקוניסט, האבען אויף איהם די קולטורעלע דייטשע ארבייטער, זייער מאסען־ארגאניזאציע, זייער פלאנמעסיגע פאליטיק געמאכט א גרויסען רושם און האבען געוויס געהאט א גרויסע השפעה אויף זיין ווייטערדיגע סאציאליסטישע עוואלוציע. דארט האט ער זיך אויך גרינדליך באקאנט מיט דער גאנצער

(שלוס אויף זייט 11).

פ. ב. אקסעלראד

(שלוס פון זייט 8).

מארקסיסטישער ליטעראטור פון יענער צייט.

פון בערלין איז אקסעלראד איבערגעפאהרען קיין זשענעווע, וואו ער איז געווארען דער צענטער פון דער דארטיגער רעוואלוציאנערער עמיגראציע. אקסעלראד ווערט באקאנט אין דער רעוואלוציאנערער וועלט אלס טעארעטיקער - פובליציסט, ווערט רעדאקטאר פון אן עמיגראנטישען ארגאן „אבשטשינא" און שרייבט אויך אונטער א פסעוודאנים וועגען דער אייראפעאישער סאציאליסטישער באוועגונג אין לעגאלע רוסישע זשורנאלען.

נאכדעם ווי די רעוואלוציאנערע ארגאניזאציע, „זעמליא אי וואליא" שפאלט זיך (אין יאהר 1879) צוליב די חלוקי־דעות וועגען טעראר, בלייבט אקסעלראד צוזאמען מיט פלעכאנאוו'ן (וועמען ער האט אגב אורחא אלס סטודענט אריינגעצויגען אין דער רעוואלוציאנערער באוועגונג) טריי די פרינציפען פון מאסען־ארבייט און סאציאליסטישער פראפאגאנדע, ביי וועלכע עס האט זיך געהאלטען דער ארטאדאקסישער פליגעל פון „זעמליא אי וואליא" — „טשארני פערעדעל". פלעכאנאוו און אקסעלראד זיינען ארויסגעטראטען געגען דער טעראריסטישער ארגאניזאציע פון „נאראדנאיא וואליא" מיט דער טענה, אז אפגעבענדיג זיך מיט טעראר וועלען די רעוואלוציאנערען זיך אפרייסען איינגאנצען פון די מאסען, וועלען זיך פארוואנדלען אין איינציגע, שוואכע קרייזלאך פון העלדען־מארטירער, וואס וועלען אומקומען אין דעם נישט גלייכען געראנגעל מיט דער ריזיגער, אייזערנער מלוכה.

אמת, די „טשערנאפערעדעלצעס" האבען אין דער זעלביגער צייט איבערגעבויגען דעם שטעקען אין דער צווייטער זייט און האבען נע'טענה'ט, אז די ארבייטענדיגע מאסען דארפען בכלל ניט פירען קיין פאליטישען קאמף, אז יעדע פאליטישע פרייהייט שאפט בלויז פריווילעגיעס פאר די פריווילעגירטע קלאסען. דאס ארבייטענדיגע פאלק דארף זיך דערשלאגען די סאציאלע רעוואלוציע און בכלל אומברענגען די מלוכה. פלעכאנאוו און אקסעלראד זיינען נאך דאמאלסט געווען אנארכיסטען־באקוניסטען.

אבער דער איבערברוך אין זייער וועלט־אנשויאונג האט זיך שוין אנגעמערקט. פלעכאנאוו האט זיך גענומען ערנסט שטודירען (אין אויסלאנד) דעם מארקסיזם, אקסעלראד האט זעהר פיל געלערענט און געשריבען וועגען דער אייראפעאישער ארבייטער באוועגונג, וועגען איהר פראלעטארישען כאראקטער, וועגען איהרע טאקטישע קאמפליצירטע אויפגאבען אין געוויסע געשיכטליכע פעריאדען — און ביסלעכווייז איז צוגעגרייט געווארען דער באדען פאר'ן פראלעטארישען, מארקסיסטישען סאציאליזם אין רוסלאנד. אין דער דאזיגער צוגרייטונג האט אקסעלראד גענומען דעם גרעסטען חלק.

אין א בריוו, וואס פלעכאנאוו האט געשריבען צו אקסעלראד'ן זאגט זיך: „דו ביסט מעהר פון אלע אן אייראפעער און דאס איז וויכטיג פאר יעדער רוסישער פארטיי" און אקסעלראד'ס אייראפעאיזם זיינע סימפאטיעס און זיין טיפע פארשטענדניש פאר דער פראלעטארישער באוועגונג אין מערב־אייראפא האבען פארשנעלערט דעם פראצעס, וואס די רוסישע סאציאליסטען האבען דורכגעמאכט פון באקוניזם צום מארקסיזם.

אין יאהר 1883 האבען אייניגע געוועזענע באקוניסטען־נאראדניקעס: ג. פלעכאנאוו, אקסעלראד, זוערא זאסוליטש און איגנאטאוו געגרינדעט די „גרופע פון דער ארביים־באפרייאונג", וועלכע האט צום ערשטען מאל אין רוסלאנד אנגעהויבען אנצואווענדען די מארקסיסטישע פרינציפען און מעטאדען און האבען געלעגט דעם פונדאמענט פון דער פראלעטארישער באוועגונג אין רוסלאנד.

13 יאהר האט געדויערט ביז די דאזיקע טעארעטישע פרינציפען האבען אנגענומען קאנקרעטע פארמען: אין יאהר 1896 איז פארגעקומען דער גרויסער עקאנאמישער סטרייק פון פעטערבורגער פראלעטאריאט. ס'האט זיך דאמאלסט געבילדעט „דער פארבאנד פאר'ן באפרייאונג פון ארבייטער־קלאס", מיט א יאהר שפעטער האט זיך געגרינדעט „דער אלגעמיינער אידישער ארבייטער־בונד", שפעטער די „רוסלענדער סאציאל־דעמאקראטישע ארבייטער־פארטיי" און די סאציאליסטישע ארבייטער באוועגונג אין רוסלאנד איז אוועק אויף די וועגען, וועלכע האבען פאר איהר אנגעצייכענט איהרע ערשטע בויער און באגרינדער: ג. פלעכאנאוו און פאוועל אקסעלראד.

טיקעטס צו די פילהארמאניק קאנצערטען צו האלבע פרייזען.

אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט האט אויך דאס מאל געמאכט ארענזשמענטס מיט דער פילהארמאניק סאסייעטי, אז אונזערע מיטגלידער זאלען באקומען טיקעטס פאר די פילהארמאניק קאנצערטען אין קארנעגיע האל און אין מעטראפאליטען אפערא הויז צו רעדוצירטע פרייזען.

אין אפיס פון אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט, 3 וועסט 16טע סט., זיינען דא צו באקומען אזעלכע קארטען, וואס בארעכטיגען אונזערע מיטגלידער צו באקומען טיקעטס פאר רעדוצירטע פרייזען. קומט נעמען די קארטען.

אמעריקאנער דאלארס אין פוילען

אלע וואס האבען געשיקט געלט אויף יום־טוב צו זייערע קרובים אין פוילען דורך דער

אינטערנעשאנאל יוניאן באנק

האבען געקראגען אויסגעצאהלט אין

אמעריקאנער דאלארען

אלע געלדער זיינען צוגעשטעלט געווארען צו יעדען איינעם

שנעל, פינקטליך און אין צייט

מיר האבען שוין א סך רעסיטס, וועלכע מיר האבען ערהאלטען מיט די אונטערשריפטען פון די קרובים, וועלכע האבען זייער געלט אפגענומען גראד אין דער צייט ווען די בהלה מיט די בענק אין פוילען איז געווען אין פולען גאנג. די רעסיטס ציינען דעם גאנצען מאנאט סעפטעמבער.

אונזערע פארבינדונגען מיט די בענק אין יוראפ זיינען די בעסטע, די זיכערסטע און די ראיעלסטע, ווייל זיי ווערען קאנטראלירט פון ענגלישען קאפיטאל.

דורך אייער באנק קענט איהר שיקען געלט אהיים דורך פאסט, טעלעגראף און ראדיא אין אמעריקאנער דאלארס אין אלע וועלט טיילען ביז אין הויז אריין, צו די ביליגסטע פרייזען — ניט מעהר ווי עס קאסט אונז די עקספענסעס.

אינטערנעשאנאל יוניאן באנק

21טע סטריט און 5טע עוועניו, ניו יארק

International Union Bank

21st STREET AT 5th AVENUE

די אידישע אגריקולטור (באראן הירש) סאסייעטי

העלפט אלע צוקונפטיגע פארמערס מיט אויסקלייבען (?) פאסטע וועגען פארמערי און ווי זיך אויסצוהיטען פון שווינדלערס, ווען איהר קויפט אייער פארם.

גיט קיינע דעפאזיטס איידער איהר בעראט זיך מיט אונז.

אונזער ראט און טאט איז אבסאלוט פריי. שרייבט אדער קומט פערזענליך.

אפען טעגליך אויסער שבת — פון 9 ביז 5, זונטאג — ביז 1 אוהר.

JEWISH AGRICULTURAL SOCIETY, INC.

301 E. 14th St., New York City

קויפט אויסשליסליך

קאלאמביא טהעע

צוועטאטשני טשאי

ווהייט לילי טהעע

לערענט דעזיינינג

איהר קענט פערדינען פון 50 ביז 200 דאלאר וועכענטליך

נעהמט א קורס אין דער בעריהמטער

מיטשעל דעזיינינג סקוהל

פון מענ'ס, פרויען, מיסעס און קינדער קליידער און ליידיס פאר גארמענטס.

די מיטשעל סקוהל פאר דעזיינינג לערנען צו מאכען פעטערנס, גריידינג, דרייפינג און פיטען קלאוקס, סוטס, דרעסעס, פאר גארמענטס און מענ'ס קליידער.

געגרינדעט איבער 50 יאהר.

די סקול האט ערגייכט

נייע אידעען, נייע סיסטעמען, בעסטע רעזולטאטען.

א קורס אין דער מיטשעל דעזיינינג סקול מיינט א באלדיגע שטעלע און גוטע וויידזשעס.

א גוטע פראפעסיאן פאר מענער און פרויען, און עס איז זעהר לייכט זיך אויסצולערנען.

באזונדערע לעסאנס ווערען געגעבען ווערען איז אייער איינענער שפראך, אום איהר זאלט אלעס פארשטעהן.

די באדינגונגען פאר'ן אויסלערנען זיך זיינען זעהר לייכטע.

מיר זיינען די עלטסטע פעשיאן קאמפאניע אין אמעריקא און מיר פארקויפען פעשיאנס און שניידערן אלערליי פעטערנס.

טאג און אווענט קלאסען.

אווענט־קלאסען, מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג.

פרייע דעמאנסטריישאן אין אונזער סקוהל.

קומט פערזענליך פאר פרייע אינפארמאציע.

מיטשעל דעזיינינג סקוהל

15 וועסט 37טע סטריט, ניו יארק. — טעלעפאן וויסקאנזין 5970.

הארלעם באנק און קאמערס

2118 צווייטע עוועניו — קאר. 109טע סטריט — ניו יארק

פ. מ. פעראַרי, פרעזידענט

פ. עקס מאנקוסא, טשערמאן און די באארד

ה. וו. הובארד, וויס־פרעזידענט

פ. פעראַרי, וויס־פרעזידענט

ה. לאזארוס, וויס־פרעזידענט

אנטאני דע פאאלא, קעשיער.

מיר טוען אלע באנק טראנסעקשאנס

אויסגעצייכענטע סייפטי דעפאזיט וואולטס

פיארילא ה. לא גווארדיא, לאיער פון באנק.

וואלדמאן און ליבערמאן

לאיערס

302 BROADWAY, NEW YORK

Telephone: Worth 5623-5624

פרעסערס

פון קלאוקס

זייט וויסען דאס די ווייער ברעטלאך צו פרעסען וועלוועט און בעליוויע, וואס מיר האבען ביז איצט געמאכט מיט די צונעפעכטע לייווענד אדער צוגעשלאגען אויף האלץ זיינען ערקלערט געווארען פון אונזער פעקטארי־דאקטאר פאר אומגעזונד צו יוזען, דען דער גערוך פון די צוואווארימטע פעך און די צופארעטע האלץ קאן ברענגען צו קאנכאמפשאן.

יוזט נאר אונזער נייעם פעטענט מיט די קופערנע לייווענד, וועלכע איז אנערקענט געווארען פון די גרעסטע עקספערטען אין וואשינגטאן אלס העכסט סאניטארישע ווייער ברעטלאך.

צו באקומען ביי די

אמעריקאן פלאש און וועלוועט פרעס־בארד קאמפאני

123 פינפטע עוועניו ניו יארק

טעלעפאן אשלאנד 6650־6651

מיר פארקויפען אויך די לייטעסט סטייל סטימערס. טרוקענע סטים מיט א גאראנטיע.

מיר האבען אויך פינקינג משינס — די בעסטע אין מארקעט.

פאר אייער ווינטער וועקיישאן

קומט אין דער

לייק וויו הויז

303 פארעסט עווע., לייקוואוד, ניו דזשורזי.

רעבעקא סילווער און סארא קיימען — אייגענטהימער.

טעלעפאן: לייקוואוד 287.

א הויז מיט אלע אימפרואוומענטס. א היימישע אטמאספערע; עסען, פון בעסטען סארט, פארפערטיגט פון א אונגארישען קוכער. צוגענגליכע פרייזען.

דר. א. בלומענטהאל

באוואוסטער דענטיסט

האלט יעצט אן זיין פריוואט אפיס אין 69 צווייטע עוו., קאר. 4טע גאס.

טריטמענטס אין אלע צווייגען פון דענטיסטרי.

יוניאן מיטגלידער זיינען ספעציעל איינגעלאדען. — טעל. ארטשארד 9265

טרייד און ארגאניזאציאנס פראגען

ארבייטער פון בענדלער'ס שאפ ענטפערען היימאנ'ען.

ווערטהער רעדאקטאר : —

מיר בעטען אייך צו פארעפענטליכען א פאר ווערטער וועגען אונזער שאפ פון מאריס בענדלער.

איבערלעזענדיג מענערדזשער היימאנ'ס טענות צו רעדאקטאר, וואס זיינען געדרוקט געווארען דעם 27טען נאוועמבער, מוז מען עפעס ענטפערען, ווייל ער מאכט צוויי סטייטמענטס, וועלכע זיינען ביידע ניט ריכטיג.

ערשטענס, האבען מיר ניט געארבייט פאר וואכען לאנג ביז אכט אזייגער, נאר מיר האבען געארבייט פיער וואכען ביז האלב נאך זיעבען, אזוי ווי עס איז ערלויבט. דאס מיינט צעהן שטונדען אווערטיים א וואך. איין וואך האבען מיר געארבייט ביז ניין אזייגער, מיט מענערדזשער היימאנ'ס ערלויבניש. וואלטען מיר קיין ערלויבניש ניט געווען געהאט, וואלטען מיר ניט געווען געארבייט.

צווייטענס, וועגען שבת. דער טשערמאן און א קאמיטע פון אונזער שאפ זיינען געווען ביי היימאנ'ען אין אפיס. זיי האבען איהם ערקלערט די גאנצע אורזאכע פון שבת-ארבייטען און היימאן האט דער קאמיטע ערקלערט, אז ער האט ניט דאגעגען. נאר אזוי ווי ער קען נישט דעם כאראקטער פון שאפ, זאלען מיר פרעגען ברודער ד. ראבין, דעם סעקרעטאר פון אונזער לאקאל. מיר האבען איהם נאך אמאל ערקלערט, אז דאס באלאנגט ניט צו ראבינ'ען, דאס ער, היימאן, אלס דער גענעראל-מענערדזשער דארף אונז זאגען יא אדער ניין. און ברודער היימאן האט ווידער אונז געענטפערט, אז ער האט ניט דאגעגען, אז מיר זאלען דאמאלסט שבת ארבייטען. און איצט ערקלערט ער, אז ער האט ניט ערלויבט אונז צו ארבייטען.

מיר ווייסען ניט, צוליעב וועלכע מאטיווען ברודער היימאן פארלייקענט זיינע אייגענע ווערטער! מיר גלויבען, אז ווען א גענעראל-מענערדזשער ערלויבט צו ארבייטען איבער דער רעגעלער צייט, — דארף ער זיין קאנסעקווענט און נישט רעדען נאכדעם קאפויר. עס קען זיין, אז ברודער היימאן האט עס פארגעסען. פארלאנגען מיר פון ברודער היימאן, אז ער זאל זיך עס דערמאנען און קארעגירען זיינע ניט ריכטיגע סטייטמענטס. מיר האפען, אז ער וועט דאס טאן.

מיט ברודער גרוס,
מאריס מייקעלסאן, שאפ-טשער.
פ. וויסאצקי, לעדזשער 198,
ארמאן בארטש, לעדזשער 17,
קאמיטע.

די יוניאן איבער אלעס.

ווערטער רעדאקטאר : —

ערלויבט מיר א שטיקעל פלאץ אין אונזער „גערעכטיגקייט" אין באצוג צו די איצטיגע סיטואציע אין קלאוק און דרעס טרייד.

צו יעדער צייט זיינען געוועזען מעמבערס, וואס האבען געהאט טענות צו דער יוניאן. נישט לאנג צוריק האבען די אידעאליסטען געזאגט, אז דער גאנצער קאמף וואס אונזער יוניאן פיהרט באגרענעצט זיך נישט מעהר ווי אויף „א פאר סענט מעהר א טאג און וועניגער א שעה ארבייט", — א זאך, וואס „שלעפט אוועק דעם ארבייטער פון זיין אמת'ען פאסטען אלס רעוואלוציאנער און אלס קעמפער" און אלס רעזולטאט, ענטוויקעלט זיך אין איהם „א בורזשואזע פסיכאלאגיע", וואס מאכט איהם צופרידען מיט זיין לאגע אלס „פריוויליגירטער" ארבייטער וואס שטעהט אויף העכערע באדינגונגען פון אנדערע ארבייטער און צו ביסלאך בלייבט ער צופרידען מיט די עקזיסטירענדע ארדנונג, אין וועלכע ער זעהט נישט די געפאהר פאר זיין עקזיסטענץ. אויף דעם שטיצענדיג זיך, ווערט באטראכט די יוניאן אלס „רעאקציאנערע אינסטיטוציע", וואס טויטעט אפ דעם קאמפס געפיל ביי די מעמבערס, — א דאנק די קליינע געווינסען, אין וועלכע ער זעהט דעם באלדיגען פאזיטיווען נוצען.

נישט דאס איז דער עיקר, — האט געזאגט דער אידעאליסט — די הויפט זאך איז, די סאציאלע רעוואלוציע. די דאזיגע לינקע האבען אבער פארגעסען, אז אויב די סאציאלע רעוואלוציע געלינגט שוין דורכצופיהרען אויף די „באריקאדען" הייסט נאך נישט, אז די רעוואלוציע איז געלונגען. ווייל די אמת'ע רעוואלוציע דארף ערשט דורכגעפיהרט ווערען אין דעם עקאנאמישען סיסטעם.

ס'איז אמת, אז אונזערע געווינסען זיינען צו קליין אין פארגלייך מיט דעם קאפיטאליסטישען פראפיט. ווי גרויס אונזערע געווינסען זאלען נישט זיין, וועלען מיר אלץ זיין די באזיגטע. אבער מען מוז מודה זיין, אז יעדער זיג פון דער יוניאן איז אלץ א שריט פארווערטס און ניט ריקווערטס! ווייל, אויב א קליינער זיג איז מעגליך, קען דאך א גרויסער זיג אויך מעגליך זיין.

עס זיינען פאראן מעמבערס, וואס באטראכטען אונזער יוניאן, לויט זייער וועלטאנשויאונג, אלס א גרויסען „בער", וואס פארמאגט גענוג קראפט צו טראגען און צו שלעפען, נאר ווייסט נישט אליין וואוהין צו געהן. און זיי נעהמען אויף זיך די מיסיאן דעם „בער" צו דרעסירען דורך הויכע טעארעטישע אפהאנדלונגען און דורך טיפע וויסענשאפטליכע באגרינדונגען.

אונזער יוניאן וואס איז אויסגעוואקסען אלס קאנסעקווענץ פון דער עקספלואטאציע, האט זיך איהר היסטארישען פראצעס פון ענטוויקלונג און קאמף. די ערפאהרונג האבען די מעמבערס נישט באקומען דורך טעאריע אדער פלפולים, נאר דורך א לאנגע צייט פון סיסטעמאטישען קאמף, וועלכער האט געטריבען די ארבייטער צו א שטענדיגע באוועגונג. פון צווישען דעם מילשטיין פון קאפיטאל און ארבייט האט די ערפאהרונג געגעבען פיל גרעסערע רעזולטאטען ווי פון וועלכען עס איז בוך, וואס איז געשריבען גאנץ ווייט פונ'ם מאשין-געוויש...

דאס אפשאפען פון שטיק ארבייט אין אייניגע טיילען פון אונזער אינדוסטריע; די 44 שטונדיגע ארבייטס וואך און נאך פילע רעפארמען אין די שעפער — דאס זיינען קליינע רעוואלוציעס אבער פון א גרויסער באדייטונג, וואס זיינען דורכגעפיהרט געווארען אין אונזער אינדוסטריע.

אונזער אינטערנעשאנאל, וואס איז צוזאמענגעשטעלט פון מעמבערס פון פארשידענע ראסען, רעליגיאנען, פארטייען און גרופען, קען געוויס נישט פארוואנדעלט ווערען אין א אפגעשטאנענע אינסטיטוציע. איהר טאג טעגליכער קאמף וואס זי דארף פיהרען מאכט איהר אונמעגליך דאס צו זיין.

כדי אבער אנצוהאלטען די מאכט פון אייניגקייט אין אונזערע רייהען איז וויכטיג פאר די מעמבערס צו וויסען, אז די נויטווענדיגקייט האט אונזער יוניאן געבוירען און אלס אזעלכע מוז זי לעבען. ווייל זי דארף רופען און וועקען די אונטערדריקטע און עקספלאאטירטע; זי דארף רעפלעקטירען דעם קאמפס-וועג און אנווייזען די זומפיגע ערטער.

די הויפט זאך : אונזער יוניאן דארף זיין דער הויפט פאקטאר אין דעם לעבען פון איהרע מעמבערס. דאס דארף זיין איהר הויפט ציל. דאס דארף זיין איהר ווילען און איהר וואונש.

מ. הילער, מעמ. לאק. 2.

א פאר ווערטער וועגען מיטינג פון לאקאל 2 פאר דער קאנווענשאן

ווערטהער רעדאקטאר : —

איך בין געקומען צו דעם לעצטען מיטינג פון לאקאל 2, מיט דער מיינונג, אז די אדמיניסטראציע פון לאקאל וועט עפעס וויכטיגעס פארשלאגען צו דער קאנווענשאן, וואס האט א דירעקטען שייכות צו די מעמבערס. דאס איז יעדען מאהל געווען דער פאל. ביי אזא מיטינג איז אלעמאל געווען א פראגע פון גוטהייסען אדער צוריקווייזען געוויסע רעזאלוציעס אדער אויסצובעסערען.

ליידער איז דאס ניט געווען דער פאל ביי דעם לעצטען מיטינג, וועלכער איז אפגעהאלטען געווארען אין מאנהעטען-לייסעאום דעם, 20טען נאוועמבער. איך ווייס ניט, אויב עס זיינען געווען וועלכע עס איז פארשלאגען פון אונזער לאקאל צו דער קאנווענשאן, וואס האט א דירעקטען שייכות מיט טרייד-פראגען, אויסער די באוואוסטע 10 פונקטען, וואס זיינען יעדען קלאוקמאכער באוואוסט פאר די לעצטע צוויי יאהר, און, לויט מיין מיינונג, האט דאס ניט געדארפט געהן צו דער קאנווענשאן. ווייל ערשטענס, איז דאס גוטגעהייסען געווארען ביי די באסטאנער קאנווענשאן און אויך ביי די מעמבערס; צווייטענס, מאכט די יוניאן פארבערייטונגען פאר א קאמף פאר די צעהן פונקטען. מא וואס דארף מען דא נאך אמאל די זעלביגע רעזאלוציע?

רעכנט ניט אבער, אז מעהר קיין רעזאלוציעס זיינען ניט געווען. עס זיינען געווען א סך רעזאלוציעס, אזוי האט מען אלעמען פארזיכערט. נאר פארגעלעזען האט מען א רעזאלוציע פאר א לייבאר-פארטיי, א רעזאלוציע פאר רוסלאנד, און נאך עהנליכעס, וועלכעס עס האט קיין שייכות מיט קלאוקס. און ווען עס איז געקומען צו רעזאלוציעס, וואס עס האבען יא א שייכות מיט קלאוקס, מאכט מען א פארשלאג, אז מען זאל דאס איבערלאזען צו די דעלעגאטען אויף דער קאנווענשאן, און ווי זיי וועלען באשליסען, אזוי וועט עס בלייבען....

פרעגט זיך : נאך וואס האט מען געדארפט רופען א מיטינג, אויב נישט האנדלען אין פראגען, אין וועלכע עס הענגט אפ די עקזיסטענץ פון די מעמבערס פון גאנצען טרייד? ווארום האט מען גערעדט וועגען פראגען, איבער וועלכע 80 פראצענט פון די מעמבערס אינטערעסירען זיך ניט?

עס איז מיין מיינונג, אז אזא מיטינג האט נישט געדארפט גערופען ווערען אין דעם נאמען פון לאקאל 2, און אויך ניט פון קיין אנדער קערפערשאפט פון דער יוניאן, ווייל די גרעסטע צאל מעמבערס אינטערעסירען זיך ניט מיט די פראגען, וואס זיינען פארהאנדעלט געווארען, און די יעניגע עטליכע, וואס אינטערעסירען זיך יא, זיינען פאר זיי פאראן אנדערע פלעצער אויסער דער יוניאן, וואו זיי קענען ריידען וועגען דעם. ווייל, נאך אלעמען, דארף מען זיך רעכענען מיט אלע מעמבערס פון דער יוניאן און ניט מיט א גאנץ קליינער צאל. פאראן גענוג מיטגלידער אין דער קלאוקמאכער יוניאן, וואס דענקען גאנץ אנדערש, ווי די נייע אפאסטאלס פון „דעמאקראטיע" אין דעם איצטיגען לאקאל 2 און פאר די אנגעגעבענע אורזאכען האט קיין אנדער זאך ניט געדארפט געהאנדעלט ווערען, איידער די טרייד-פראגען זיינען ערלעדיגט געווארען. אבער דאס ווערט ניט געטאן.

מיט גרוס,
ס. ז. גאלדפארב,
לאקאל 2, לעדזשער 9123.

די קלאסען אין אונזער ארבייטער אוניווערזיטעט.

די קלאסען פון אינטערנעשאנאל ארבייטער אוניווערזיטעט ווערען געהאלטען יעדען שבת ביי טאג און זונטאג אין דער פריה, אין די וואשינגטאן אירווינג הייסקול, רום 530.

שבת, דעם 12טען דעצעמבער, 2.30 בייטאג, וועט דר. יאנא גאלדסטיין לעקטשורען אין דעם ארבייטער אוניווערזיטעט איבער : „ווי אזוי צו פארהיטען דאס געזונט פון די ארבייטער". עס איז ניט נויטיג אנצווייזען, ווי וויכטיג עס איז פאר ארבייטער צו הערען אזא לעקטשור און מען קאן ערווארטען א גרויסען עולם.

זונטאג 11 אזייגער אין דער פריה, וועט א. י. מאסטי פארטזעצען זיין קורס איבער : „געשיכטע און די ארבייטער". דעם מאל וועט ער רעדען איבער : „דער פרימיטיווער מענש און זיין ווייב". דער קורס איז העכסט אינטערעסאנט און באלערנד, און וואס מעהר מיטגלידער דארפען דעם קורס באזוכען.

שבת, דעם 19טען דעצעמבער, 2.30 בייטאג, וועט אין דעם ארבייטער אוניווערזיטעט לעקטשורען טהערעזא וואלפסאן. זי וועט רעדען אויף דער טעמא : מאנכע פראבלעמען פון די פרויען אין דער אינדוסטריע". א זעהר אינטערעסאנטע טעמא פאר אונזערע מיטגלידער.

געפאהר ליעגט אין יעדע פארקיהלונג

טויזענדער מענשען שטארבען יעדעס יאהר פון פערקיהלונגען. ניומאניא אליין נעהמט צו 150,000. רעדיבער איז א פערקיהלונג זעהר א וויכטיגע זאך. בעהאנדעלט עס אויף דעם בעסטען אופן.

דאס איז הילל'ס קאסקארא בראמאיד קוואיניין. עס סטאפט מיליאנען פערקיהלונגען יעדען ווינטער — סטאפט זיי אין 24 שטונדען.

נעהמט עס דעם מאמענט א פערקיהלונג פאנגט זיך אן. נעהמט עס צו אנגריכען א פערקיהלונג. אפצושטעלען גריפ. קיינער האט קיינמאהל ניט געפונען א בעסערען וועג. ביי אלע דראגיסטען.

זייט זיכער ס'איז

פרייז 30 ס.

HILL'S CASCARA QUININE BROMIDE

קריגט רויטע באקס מיט'ן בילד

שיקאגא פעדערעישאן אוו לייבאר דריקט אויס אנערקענונג צו דזשאהן פיטצפאטריק.

די פארטרעטער פון די שיקאגאער טרייד יוניאנס האבען לעצטענס אויף א פעדערעישאן מיטינג ארויסגעוויזען אנערקענונג צו דעם מאן וועלכער איז צוואנציג מאל נאכאנאנד ערוועהלט געווארען פרעזידענט פון די שיקאגא פעדערעישאן אוו לייבאר און האבען עס געטאן אויף א שעהנעם און ממשות'דיגען אופן.

דזשאהן פיטצפאטריק, איז לעצטען מאנאט ערוועהלט געווארען צום צוואנציגסטען מאל פרעזידענט. פילע דעלעגאטען האבען זיך צוזאמענגערעדט און האבען באשלאסען אז עס איז צייט די ארבייטער ארגאניזאציאנען זאלען ביי דעם געלעגענהייט ארויסציינען זייער אנערקענונג צו איהם אויף אן אופן וואס וועט איהם ווייזען אז זיין ארבייט לאיאליטעט און טרייהייט צו די ארבייטער ווערט אנערקענט און ריכטיג אפגעשאצט.

ווען פיטצפאטריק איז געקומען צום מיטינג פון די פעדערעישאן האט ער געפונען אויף דעם טיש וועלכער געפינט זיך אויפ'ן פלאטפארם, א שעהנעם קייק מיט צוואנציג בלומען און מיט אן אויפשריפט, אז דאס איז פאר איהם, ביי דער געלעגענהייט פון צוואנציג יאהר טעטיגקייט פאר דער באוועגונג.

ווען דער מיטינג פון דער פעדערעישאן איז אנגעגאנגען פאר א געוויסע צייט האט וויים-פרעזידענט אסקאר נעלסאן געבעטען ערלויבניס פארצושלאגען א רעזאלוציאן וועלכע האט א שיכות מיט'ן פרעזידענט פון דער פעדערעישאן אוו לייבאר. פיטצפאטריק האט איהם די ערלויבניש געגעבען.

די רעזאלוציע ווייזט אן, אז דזשאהן פיטצפאטריק האט אין פארלויף פון די יאהרען וואס ער איז דער פרעזידענט געטאן אלעס וואס איז געלעגען אין זיינע כחות פאר די ארבייטער, אז ער האט זיך ניט אבגעשטעלט פאר קיינע שוועריגקייטען און האט געהאלפען ארגאניזירען די אונארגאניזירטע און האט אימער געקעמפט פאר די אינטערעסען פון די ארבייטער און איז טריי און עהרליך די ארבייטער באוועגונג, וועלכע אנערקענט און שאצט אפ זיין דינסט צו די ארבייטער.

אין דער זעלבער צייט האט וויים-פרעזידענט נעלסאן איהם איבערגעגעבען אין א ווארעמע רעדע א פיינעם לעדערנעם פאקעט בוק געמאכט פון דער פאקעט בוק מאכער יוניאן אין וועלכען עס איז געלעגען א טשעק פאר 2,900 דאלאר וועלכע א געוויסע צאהל יוניאנס האבען געגעבען אויף א קליינעם מאסשטאב אויסצודריקען זייער ליבע און אכטונג צו איהם.

פיטצפאטריק איז געווען איבעראשט פון דעם סורפריז, וואס מען האט איהם געמאכט און שטארק געריהרט אז טרערען פון פרייד האבען זיך באוויזען אין זיינע אויגען.

די דעלעגאטען האבען זיך אלע אויפגעשטעלט און האבען אפלאדירט פאר א לאנגע צייט און אויף דעם אופן אנגענומען די רעזאלוציאן איינשטימיג.

פיטצפאטריק האט ניט געקענט האלטען קיין רעדע ווי עס פאסט זיך פאר אזא געלעגענהייט דערפאר, וואס ער איז געווען צו שטארק געריהרט פון דער פאסירונג. ער האט ערקלעהרט אז דער קייק, געגעבען פון בעקער לאקאל 2 האט אויסגעדריקט גענוג אנערקענונג, ער האט ניט ערווארטעט אזא דעמאנסטראציע און אזא גרויסען אויסדרוק פון אמת'ע פריינדשאפט און אנערקענונג. ער האט ערקלעהרט אז די בעסטע אנערקענונג וואס ער וויל איז דער צופרידען פון די מענשען מיט וועמען ער ארבייט צוזאמען. ווען איך פארדין די אנערקענונג פון מיינע ברידער ארבייטער, איז עס מיין בעסטע באלוינונג פאר מיין ארבייט.

א גרויסע צאהל דעלעגאטען האבען געהאלטען רעדעס וועגען פיטצפאטריק'ס אקטיוויטעט אין דער באוועגונג. דעלעגאט נאך דעלעגאט האט אנגעוויזען ווי ער האט געהאלפען זייערע יוניאנס צו ארגאניזירען און ווען זיי זיינען געווען ארגאניזירט האט ער זיי געהאלפען אין יעדען קאמף זייערען.

אין יעדער רעדע האט זיך אפגעשפיגעלט א קאפיטעל געשיכטע פון דער שיקאגא'ער ארבייטער באוועגונג אין די לעצטע צוואנציג יאהר.

די דעלעגאטען האבען אין דער זעלבער צייט אנגעוויזען אז ערווארד נאקעלס, דער סעקרעטאר פון דער שיקאגא פעדערעישאן אף לייבאר, האט צוזאמען מיט פיטצפאטריק'ן מיטגעווירקט אין דער ארבייט און האט געהאלפען מיט אלע זיינע כחות יעדער יוניאן וואס האט זיך געווענדעט נאך הילף.

צווישען די דעלעגאטען וועלכע האבען ארגאניזירט די פעדערעישאן און האבען געשילדערט פיטצפאטריק'ס ביישטייער צו דער ארבייטער באוועגונג, זיינען געווען אנטאן דזשאהנסאן, דזשאהן פלאראס, ס. מערסאן, דזשאהן א'ניעל, מאלי פרידמאן, מ. זאמבאר, דזש. שורק, א. פעררים, פרעד האפ, עד. נאקעלס, י. וואהלער און פילע אנדערע.

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה. (איוב, כ"ז, 6.)
אן מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר נים אפלאזען.

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע!

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט ווארקערס יוניאן

Vol. VII. No. 51. New York, Friday, Dec. 18, 1925 פרייטאג, 18טען דעצעמבער, 1925. PRICE 3 CENTS

שלום און איינגקייט אין די רייהען פון אונזער יוניאן!

פרעזידענט זיגמאן און סעקרעטער באראף ווידער ערוועהלט. —— דעלעגאטען קושען און האלזען זיך אין פייערליכען מאמענט. — א חוץ דעם פרעזידענט און סעקרעטער באשטעהט דער ג. ע. ב. פון די פאלגענדע פערזאנען: סאלוואדארע נינפא, דזשייקאב האלפערין, דייוויד דובינסקי, לואידזשי אנטאניני, דזשיי. בארוכאוויטש, לואיס היימאן, דזשא. פארטנאי, ד. גינגאלד, ה. גרינבערג, ע. רייזבערג, מאקס אמדור, מאלי פרידמאן, דזשוליוס האכמאן, טשארלס קריינדלער און ה. גאדעס. — אלגעמיינע אמנעסטי אנגענומען. — פראפארשיאנעל רעפרעזענטיישאן וועט באשטימט ווערען דורך א רעפערענדום. — קאנווענשאן שליסט זיך אין שעהנסטען ברידערליכען גייסט.

די שזרות ווערען געשריבען אין דער לעצטער מינוט, נאך דעם ווי די קאנווענשאן האט זיך פארענדיגט. אין דעם מאמענט קאנען מיר זיך נים אפשטעלען אויף אלץ וואס עס איז אויף דער קאנווענשאן פארגעקומען אין די לעצטע צוויי טעג, און עס איז איצטער אויך פאר אונז נים מעגלאך אנצוּווייזען אויף די פילע וויכטיגע באשלוסען וואס די קאנווענשאן האט אנגענומען. דאס וועט געטאן ווערען שפעטער, אין די קומענדע נומערען פון די „גערעכטיגקייט". מיר וועלען געווים נים פארפעהלען אנצואווייזען אויף אלץ וואס די קאנווענשאן האט אויפגעטאן. מיר וועלען באלייכטען אלע וויכטיגע פאס־רונגען און רעפארמען אין דער יוניאן וואס די קאנווענשאן האט געבראכט מיט זיך.

איינס אבער איז זיכער; די קאנווענשאן איז געווען זעהר א שטורמדיגע אבער אויך א זעהר קאנסטרוקטיווע. זי האט געבראכט אין דער יוניאן א סך נייעס, וואס וועט געווים זיין לטובה דער גאנצער ארגאניזאציע.

אויף דער קאנווענשאן זיינען דורכגעלופטערט געווארען א סך פראגען און פראבלעמען. אפטמאל זיינען די דעבאטען אפשר געווען צו היים, אבער אונטער די אומשטענדען האט עס אנדערש נישט געקאנט זיין. דאס האט געבראכט מיט זיך נים ווייניג שטורעמס, א סך אויפברויזונגען צו די אויפגערעגטע געמיטער, אבער אלע שטורעמס האבען זיך פארבייגעצויגען און די יוניאן אי גאנץ געבליבען. און דער רעזולטאט איז, אז פון דער קאנווענשאן קומט די יוניאן א פיל שטארקערע, א סך מעהר פאראייניגט, ווי זי איז געקומען צו דער קאנווענשאן. עס שיינט, אז אלע בייזע שטורם־ווינטען אין דער יוניאן זיינען פאראיבער, און דאס אמת'ער שלום און אמת'ע איינינקייט וועלען פון איצט אן הערשען אין אונזערע רייהען.

פרעזידענט זיגמאן און סעקרעטאר באראף זיינען ווידער־ערוועהלט, און אזוי זיינען אויך ווידער ערוועהלט געווארען א טייל פון די וויים־פרעזידענטען פון דעם פריהערדיגען גענעראל עקזעקוטיוו באארד. דאס זיינען ברודער נינפא פון לאקאל 48, ברודער האלפערין פון איפטערען ארגאניזיישאן דעפארטמענט, ברודער דובינסקי פון לאקאל 10, ברודער ע. רייזבערג פון פילאדעלפיא און ברודער אמדור פון קענעדע.

צווישען די ניי אריינגעקומענע מיטגלידער פון גענעראל עקזעקוטיוו באארד זיינען דא פיר פון דעם לינקען פליגעל. דער גאנצער פערסאנאל פון די נייע וויים־פרעזידענטען איז ווי פאלגט:

דזש. בארוכאוויטש, לאקאל 2; ל. היימאן, לאקאל 9; ד. גינגאלד, לאקאל 20; דזש. פארטנאי, לאקאל 22; לואידזשי אנטאניני, לאקאל 89; ה. גרינבערג לאקאל 91. דאס זיינען די נייע וויים־פרעזידענטען פון די ניו יארקער לאקאלס.

די נייע וויים־פרעזידענטען פון דער פראווינץ זיינען: מאלי פרידמאן, שיקאגא; טשארלס קריינדלער, קליוולאנד; ה. גאדעס, באסטאן און דזשוליוס האכמאן, קענעדע.

ווען פרעזידענט זיגמאן איז ווידער ערוועהלט געווארען איז פארגעקומען א מערקווירדיגע סצענע. עס האט געהערשט די העכסטע באגייסטערונג. דעלעגאטען האבען געוויינט פון פרייד און ענטוזיאזם. מען האט זיך געדריקט די הענט און מען האט זיך געקושט און געהאלזט. דעלעגאטען זיינען ארויף אויף דער פלאטפארם און זיך געקושט מיט דעם ווידער־ערוועהלטען פרעזידענט פון זייער באליבטער ארגאניזאציע און עס איז געווען ששון ושמחה. אין די אויגען זיינען געשטאנען פריידענס־טרערען, דורך וועלכע עס האט ארויסגעבליסטשעט דער גייסט פון איינינקייט, דאס טייערסטע, וואס די ארבייטער האבען צו זייער באשיצונג געגען דעם אנגריף פון די באלעבאטים, אין זייער קאמף פאר א שעהנער און בעסער לעבען.

די קאנווענשאן האט זיך געשלאסען דאנערשטאג ביי נאכט אונטער א זעהר שעהנער, ברידערליכער שטימונג. עס האט געהערשט גרויס ענטוזיאזם און איבער דעם קאנווענשאן־זאל האבען זיך געטראגען פארשיידענע אויסגעשרייען פון פרייד און באגייסטערונג.

זאל לעבען שלום און איינינקייט אין אונזער יוניאן!

זאל לעבען שלום און איינינקייט אין דער גאנצער ארבייטער באוועגונג!

גאטען שעלי און הארוויטש פון דער שאפ־טשערמען קאמיטע און שוועסטער ראוז וואלקאוויטש פון לאקאל 22, וועלכע איז פארבליבען אויף דער קאנווענשאן און געזוכט ווידער צונויפצוברענגען אלע דעלעגאטען.

דער קריזים האט אויסגעבראכען איבער א מיספארשטענדניש וועגען דער פראגע פון פראפארשאנעל רעפרעזענטיישאן אין דער צייט, ווען וויים-פרעזידענט נינפא, דער טשערמאן פון דער לא־קאמיטע, האט איבערגעגעבען זיין באריכט און פארגעבראכט געוויסע רעקאמענדאציעס. דאס האט ארויסגערופען א צוזאמענשטויס. עס פארשטעהט זיך, וואלטען די געמיטער פון די דעלעגאטען נים געווען אזוי אויפגערודערט שוין פון פריהער, וואלט אפשר צו דעם נים געקומען. דאן וואלטען די דעלעגאטען פון לינקען פליגעל גלייך איינגעזעהן, וואס זיי האבען איינגעזעהן שפעטער, ווען זיי האבען שוין געהאט פארלאזען די קאנווענשאן.

וועגען די רעזאלוציעס און רעפאר־

(שלוס אויף זייט 2).

אינשורענס פאנד פאנגט אן צאלען בענעפיט דעם 28טען דעצעמבער

דעם 28טען דעצעמבער וועט דער ארבייטסלאזען אינשורענס פאנד אין דער קלאוק אינדוסטריע אנפאנגען צאהלען בענעפיט צו די וואס זיינען בארעכטיגט צו אזא בענעפיט פאר דעם פאל־סיזאן. דער סיזאן האט זיך פארענדיגט דעם 30טען נאוועמבער.

עס איז פריהער אנאנסירט געווארען, אז די צאהלונגען וועלען זיך אנהויבען נאכ'ן 20טען דעצעמבער, אבער א סך פעי־ראל ליסטען פון די מאנופעקטשורערס זיינען נים אריינגעשיקט געווארען אין צייט, און דאס אויסצאהלען האט געמוזט אפגעלעגט ווערען מיט אכט טאג שפעטער.

עס דארף דא געזאגט ווערען, דאס די אפיסעס פון די מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאנס האבען געהאלפען דעם אינשורענס פאנד, דערמאנענדיג זייערע מיטגלידער נים צו פארנאכלעסיגען אריינצושיקען די פעי־ראלס און די געלט סומען וואס זיי דארפען איינצאהלען. אין אלגעמיין זיינען די רעקארדס פון דעם אינשורענס פאנד איצט מעהר קאמפליט ווי דעם לעצטען סיזאן און אלץ ווערט געטאן, אז וואס ווייטער זאל זיין אלץ בעסער.

די רעדזשיסטרירונג פון די ארבייטער איז דאס מאל צוגעגאנגען א סך בעסער ווי דעם לעצטען סיזאן. אי די באלעבאטים אי די ארבייטער האבען מיט מעהר וויליגקייט צוגעשטעלט דעם אינשורענס פאנד די נויטיגע אינפארמאציע, און דאס האט געהאלפען, אז די ארבייט זאל געטאן ווערען מיט מעהר רעגעלמעסיגקייט.

דעם ערשטען סיזאן זיינען געמאכט געווארען א סך קאמפליינטס, ווי אזוי די צאהלונגען זיינען געמאכט געווארען. די ארבייטער האבען געדארפט שטעהן א לאנגע צייט אין ליין צו באקומען דעם טשעק, און אמאל פלעגט מען שטעהן אין ליין און געהן אהיים אהן א טשעק.

דאס מאל, ווי מען פארזיכערט אונז פון דעם אינשורענס פאנד, וועט מעהר

(שלוס אויף זייט 4)

אינהאלט פארצייכנים

„גערעכטיגקייט" נומער 51

זייט 2. שלום און איינינקייט אין די רייהען פון אונזער יוניאן.

זייט 3 און 4. קאנווענשאן־נייעס.

זייט 5. דער ארעסטאנט — דזשאן גאלסווארטי.

זייט 6. עדיטאריעלס.

זייט 7. פרעזידענט זיגמאנ'ס רעדע אין קריטישסטען מאמענט אויף דער קאנווענשאן.

זייט 8. ווי אזוי ארבייטסלאזיגקייט אינשורענס ווערט אויסגעצאלט — מאריס קאלטשין. אינטערנעשאנאל קאלענדאר — ה. סקולמאן.

זייט 9. דער אנטוישטער טעארעטיקער — ה. לאנג. צו אוונט צו — נפתלי גראס. דער טענצער — ז. וואהילער.

זייט 10. זאכען גוט צו וויסען. אדווערטייזמענטס.

זייט 11. שלוסען און אדווערטייזמענטס.

זייט 12. מיטינג פון דזשאינט באארד פון דער קלאוק און דרעסמאכער יוניאן — מ. שעהנפעלד. אין דער קלאוק־פרעססער יוניאן, לאקאל 35 — דזש. נארעצקי.

וואהלען אין רעינקאוט מאכער יוניאן לאק. 20 דעם שבת

דעם שבת, דעם 19טען דעצעמבער, וועלען פארקומען וואהלען פאר באאמטע פאר דער רייגקאוט מאכער יוניאן לאקאל 20. די וואהלען זיינען פאר אלע באאמטע פון דעם לאקאל, פאר באצאהלטע און נים־באצאהלטע.

מען וועט שטימען דורך א באלאט. שטימען וועט מען קענען שבת דעם גאנצען טאג אין אפיס פון דער יוניאן.

די מיטגלידער פון לאקאל 20 זיינען אויפגעפאדערט צו קומען זיך באטייליגען אין די וואהלען. זאלען זיי קומען און שטימען פאר די יעניגע אויפ'ן באלאט, וואס וועלען אמבעסטען און אמפעהינסטען פארטרעטען די אינטערעסען פון דער יוניאן, און די אינטערעסען פון די ארבייטער אין שאפ.

פון דער רעדאקציע

צוליב דעם, וואס די קאנווענשאן האט זיך פארצויגען, האבען מיר געמוזט אפהאלטען די אויסגאבע פון דער „גערעכטיגקייט" אויף א פאר טעג. מיר געהען צום פרעס פרייטאג, אנשטאט מיטוואך, ווי געוועהנליך. די לעזער וועלען אונז אנטשולדיגען, וואס זיי וועלען קריגען דעם נומער מיט א פאר טעג שפעטער.

די אנדערע נומערען פון דער צייטונג וועלען ערשיינען צו דער באשטימטער צייט, ווי געוועהנליך.

די קאנווענשאן ביי דער ארבייט די לעצטע פאר טעג

די לעצטע פאר טעג פון דער קאנווענשאן זיינען געווען פון די שטורמדיגסטע און רוישיגסטע, וואס די קאנווענשאן האט דורכגעמאכט, דערפאר אבער זיינען די טעג געווען די סאמע וויכטיגסטע, ווייל אין די פאר טעג איז ענדליך פארזיגעלט געווארען דער שיקזאל פון דער יוניאן פאר די נעקסטע פאר יאהר, ביז א צווייטער קאנווענשאן.

דער קריטישסטער און ריהרענדסטער מאמענט איז זיכער געווען, ווען דער לינקער פליגעל האט מיטוואך פארלאזען די קאנווענשאן. עס איז געווען א שרעקליכע סצענע און האט איבערגעלאזען א זעהר נעדריקטע שטימונג ביי די אלע דעלעגאטען, וואס זיינען פארבליבען אויף דער קאנווענשאן.

אבער דעם נעקסטען טאג איז דער לינקער פליגעל צוריקגעקומען, און די קאנווענשאן האט זיך פארענדיגט אויף א שעהנעם און פרידליכען אופן. דאס איז מעגליך געווארען א דאנק דער זעהר טאקטפולער האנדלונג פון פרעזידענט זיגמאן. און קרעדים דערפאר קומט אויך די דעלע־

די עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 35 נעמט זיך צו דער ארבייט

לעצטען שבת, דעם 5טען דעצעמבער, איז אפגעהאלטען געווארען אין דעם אפיס פון אונזער לאקאל א וויכטיגער מיטינג פון אקטיווע מיטגלידער. נאך דעם ווי עס איז ערקלערט געווארען דער ציל פון דעם מיטינג, האט זיך ענטוויקעלט א באגייסטערטע דיסקוסיע איבער דער פראגע פון ארגאניזיישאן ארבייט. אלע האבען צוגעשטימט, אז ערנסטע שריטע דארפען גענומען ווערען אום צו לעזען די אנגעוועהטאגטע פראבלעמען.

אין איינקלאנג מיט די באשלוסען פון דעם עקזעקוטיוו באארד, וועלכע זיינען גוטגעהייסען געווארען ביים לעצטען מעמבערשיפ מיטינג, איז שבת צוזאמענגעשטעלט געווארען אן ארגאניזיישאן קאמיטע פון 150 לייטע. די קאמיטע האט אויף זיך א דאפעלטע אויפגאבע. צוערשט נאכקוקען אז די פרעסערס אין די שעפער זאלען זיך אויפפיהרען ווי יוניאן לייט — ניט ארבייטען קיין אווערטיים, ווי אויך זונטאגס; און צווייטענס, דורכפיהרען א פאלקאמע רעגיסטראציע פון אלע שעפער, כדי צו האבען א קלאהרען באגריף וועגען דעם איצטיגען צושטאנד אין טרייד.

זאלען די פרעסערס געדענקען, אז מיר וועלען קיינעם ניט שאנעווען, ספעציעל די וועלכע ארבייטען אווערטיים אונטער פארשלאסענע טירען. די קאמיטעס וועלען זיין שטענדיק אויף דער וואך. די עקזעקוטיווע האט ארויסגעלאזען פאלגענדען אפיל צו די מעמבערס וועגען דעם צושטאנד פון טרייד:

ברידער פרעסערס!

כמעט יעדען איינעם פון אייך איז באוואוסט דער קלאגעדיקער צושטאנד פון אונזער טרייד. די גרעסטע צאל פון אייך ליידען פון די קורצע סיזאנס, סיי די וועלכע זיינען ארבייטסלאז און סיי די, וועלכע האבען אפילו דזשאבס. עס איז שוין כמעט אוממעגליך צו מאכען א לעבען.

אבער א חוץ דער אלגעמיינער מכה פון וועלכער אלע קלאוקמאכער ליידען האבען מיר, פרעסערס, נאך א אייגענע מכה. און דאס איז אין באצוג דער פראגע פון שטיק און וואך ארבייט, און אויך די פרעס־מאשינען. און אויב דאס איז נאך ניט גענוג, האט אונז די אלטע אדמיניסטראציע איבערגעלאזט א ירושה פון א פריווילעגירטע טייל מעמבערס, וועלכע רופען זיך העט־פרעסערס, און וועלכע זיינען אין פילע פעלע ערגער פון די באסעס. אזוי געפינען מיר, אז אנשטאט צו ארבייטען וואך־ארבייט לויט נאכ'ן אגרימענט, ארבייטען זעהר א גרויסע צאל פרעסערס שטיק ארבייט. און אנשטאט עס זאלען זיין באשעפטיגט אויף א פלאץ עטלאכע פרעסערס, מאכט מען די זעלבע ארבייט אויף א פרעס־מאשין, אבוואהל דאס איז אויך קעגען דעם אגרימענט מיט דער יוניאן.

דאס איז זעהר אן אונגאטירליכע לאגע. די מעמבערס דארפען פארשטעהן, אז אויב עס וועט נאך לאנג אזוי אנהאלטען, וועלען זיי וואס ווייטער אלץ טיפער זינקען, און דער געפאהר פון דעם אמאליגען סוועט שאפ סיסטעם וועט ווערען אלץ גרעסער און גרעסער.

אבער די עקזעקוטיוו באארד איז ענטשלאסען דאס צו פארמיידען. אויף איינעם פון די לעצטע זיצונגען האבען מיר אויף זיך גענומען איינע פון די שווערסטע אויפגאבען צו לייזען אט די אנגעוועהטאגטע פראבלעמען.

אמת, עס וועט זיך פאדערען פיל אפפער, מיה און צייט' זיך צו דערשלאגען צו גינסטיגע רעזולטאטען, אבער דאס וועט אונז ניט אפשרעקן. וועלען די מעמבערס אונז געבען די נויטיגע קאאפעראציע און זיך אליין פאראינטערעסירען מיט דער ארבייט, דאן זיינען מיר זיכער, אז נאר אין דער נאענטער צוקונפט וועלען מיר זיך דערשלאגען צו א באדייטענדער ענדערונג און די קאנדישאנס פון די פרעסערס וועלען פארלייכטערט ווערען.

אבער איידער מיר טרעטען צו אויסצוארבייטען פלענער מוזען מיר האבען א קלארען באגריף, וואס עס טוט זיך אין די שעפער. מיר מוזען גענוי וויסען וואו אונזערע מעמבערס ארבייטען, ווי אזוי זיי ארבייטען, ווי זיי פארדינען, וויפיל פרעס־מאשינען זיינען פאראן אין יעדען שאפ א. ז. וו.

די עקזעקוטיווע האט דארום באשלאסען, דאס אין פארלויף פון א מאנאט צייט פון דעם 15טען דעצעמבער ביז דעם 15טען יאנואר, זאל דורכגעפיהרט ווערען א פאלקאמע רעגיסטראציע פון אלע שעפער דורך וועלכער מיר האפען צו קריגען די נויטיגע אינפארמאציע.

מיר פאדערען אייך דארום אויף, אלס גוטע יוניאן לייט, ניט צו פארנאכלעסיגען אייער יוניאן פליכט אין מיטהעלפען דער עקזעקוטיוו באארד צו פארבעסערען אייער אייגענע לאגע.

אין קורצען וועט איהר גערופען ווערען, דורך לעטערס, צו דיזע מיטינגען.

געדענקט! ווען די פרעסערס פון אייער שאפ ווערען גערופען צו א מיטינג, זאלט איהר אויספיהרען אלע אינסטראקשאנס פון דעם בריוו. קומט אין צייט און אין דעם פלאץ וואס וועט אנגעוויזען ווערען אין בריוו. קיין איינער פון אייך טאר ניט פארפעהלען צו קומען צום שאפ מיטינג.

אין טאג פון אייער מיטינג זאל קיין אווערטיים ניט געמאכט ווערען.

אלע צוזאמען, און מיר וועלען ביי־קומען אלע שוועריגקייטען, און אונזער ארבייט פון אויפבויען די יוניאן וועט געקרוינט ווערען מיט ערפאלג.

מיט ברודערליכען גרוס,

די עקזעקוטיוו באארד, לאקאל 35.
ה. קארען, עקטינג מענ.

אבראמאוויץ ענד פינקעל, 32 וועסט 21טע סט.
ארוועגס קלאוק קא., 33 ו. 11טע.
ארביטמאן ענד בלומענפעלד, 55 ו. 17טע סט.
ביטא קלאוק קא., 16 ו. 19טע סט.
ביטא קאוט ענד דרעס קא., 16 ו. 19טע סט.
בערזאל ענד האמערשלאג, 33 וועסט 26טע סט.
פ. פארטונאטא, 170 בושוויק עוו., ברוקלין.
גליק ענד גליק, 22 ו. 26טע סט.
דזש. גוגליסטא ענד קא., 105 רזשאהנסאן עוו., ברוקלין.
הארלעם אינפענט וועאר קא., 20 א. 106טע סט.
ה. קאצמאן, 138 ו. 17טע סט.
ל. ק. ענד ס. קלאוק קא., 2310 דריטע עוו.
ניומאן בראס., 54 א. 8טע סט.
פיערגראסי קלאוק ענד סוט, 215 ו. 40טע סט.
ווינער ענד סטיין, 305 זיבעטע עוו.
ל. וויינסטיין, 8 וועסט 30טע סט.

נייע געפלאסטערטע וועגען אין דענווער סאניטאריום

א פינף־פאכיגער יום־טוב איז פארגעקומען לעצטען זונטאג אין דענווער סאניטאריום, א יום־טוב, וואס האט צוזאמענגעבראכט א גרויסע צאל מענשען אין סאניטאריום.

שוין א לענגערע צייט, ווי מען ארבייט אין דענווער סאניטאריום אויף פילע פארבעסערונגען, און דאס אלץ איז איצט פארטיג געווארען, און דעם לעצטען זונטאג זיינען זיי אפיציעל ערעפענט געווארען.

עס איז איצט פארטיג געווארען דער פארגרעסערטער פאסט־אפיס פון דענווער סאניטאריום. דער דענווער סאניטאריום, וואס איז דער גרעסטער אידישער סאניטאריום אין דער וועלט און איינער פון די וויכטיגסטע אין אמעריקע, איז א שטאדט פאר זיך אליין, האט אן אייגענעם פאסט־אפיס. ביז איצט איז דער פאסט־אפיס געווען א קליינער, איצט איז אויפגעבויט געווארען א גרעסערער פאסט־אפיס.

די גרויסע ביבליאטעק פון דענווער סאניטאריום, וואס האט ביכער אין פארשידענע שפראכען, האט זיך איצט איבערגעקליבען אין א גרעסערער דירה. דער לייברעריען פון דער דענווער פאבליק לייברערי האט דערביי געהאלטען א רעדע, אפשטעלענדיג זיך אויף דעם, ווי נויטיג עס זיינען ביכער פאר מענשען, וואס זיינען אפגעריסען פון דער וועלט, און וויפיל פרייד א בוך ברענגט אריין אין דעם לעבען פון א קראנקען מענשען.

עס זיינען איצט אויך פארענדיגט געווארען די נייע געפלאסטערטע וועגען, וואס פארנעהמען איבער א מייל די לענג. די דאזיגע וועגען זיינען פון דער גרעסטער וויכטיגקייט פאר די פאציענטען און זיינען פראיעקטירט געווארען פון לאנג. די פאציענטען וועלען איצט לייכטער קענען נעהמען א שפאציר, וואס איז געווען אוממעגליך פריהער, ווען די וועגען זיינען ניט געווען געפלאסטערט.

עס איז אויך איצט געעפענט געווארען די פארגרעסערטע קאאפעראטיווע סטאר פון דענווער סאניטאריום. די קאאפעראטיווע סטאר האט ביז איצט אויפגעטאן זעהר פיל גוטעס, און עס איז זיכער, אז איצט, ווען זי איז פארגרעסערט געווארען וועט זי נאכמעהר נוצען ברענגען.

פיל צו דעם יום־טוב האט צוגעגעבען די מתנה פון האריס גערשטיין, איינעם פון די עלטסטע פאציענטען פון דענווער סאניטאריום. אלס דאנקבארקייט צו דעם אנשטאלט, וואס האט איהם מיט א צוואנציג יאהר צוריק געראטעוועט דאס לעבען, האט האריס גערשטיין געשאנקען דער לייברערי פון סאניטאריום אן אויל־בילד, א גוטע קאפיע פון סארדזשענט'ס א באריהמט בילד.

צווישען די רעדנער ביים יום־טוב זיינען געווען דר. חיים ספיוואק, דר. פיליפ היקאוויטש, דר. י. ד. בראנפין, ה. ה. פרומעס און ה. י. שווארץ.

עס וועט דערביי ניט שאדען צו געדענקען, אז דער דענווער סאניטאריום איז איבערגעפאקט. די שול פון סאניטאריום איז פארוואנדעלט געווארען אין א האספיטאל און עס קומען אן יעדען טאג אפליקיישאנס פון פאציענטען, און עס איז ניטא וואו זיי אהינצוטאן. די אידען פון אמעריקע וועלען מוזען זיך אנשטרענגען און קומען צו הילף דעם גרעסטען אידישען סאניטאריום אין דער וועלט, אז ער זאל קענען אריינגעהמען אלע, וואס ווענדען זיך צו איהם נאך הילף.

ארבייטסלאזען אינשורענס פאנד פאנגט אן צאהלען נאכ'ן 20טען דעצעמבער

(שלוס פון זייט 1)

קופער ענד שערעשאף, 40 ו. 17טע.
דארטמור קלאוק, 17 א. 27טע סט.
דעמידאוויץ ענד פעטליצקי, 767 ראקאוויי עוו., ברוקלין.
דידינסקי ענד לעווין, 114 ו. 62טע.
דווארקין ענד קאברילאוו, 127 ו. 17טע סט.
עקאנאמי קלאוק קא., 1011 סאטער עוו., ברוקלין.
י. ענד ע. ערליך, 177 א. 87טע סט.
יוריקא קלאוק ענד סוט קא., 133 וועסט 17טע סט.
פ. ענד ס. קלאוק און סוט קא., 18 וועסט 21טע סט.
ה. פעדער, 134 וועסט 26טע סט.
פילד, פרענקלין קא., 270 ו. 38טע סט.
פעלענבאום בראס., 19 ו. 21טע.
ה. ה. פיינדער, 498 זיבעטע עוו.
פלאך ענד קאהען, 119 ו. 24טע.
פרענק ענד פארעסט, 43 אטארני סטריט.
פוקס ענד בוירנסטיין, 181 דעלענסי סטריט.
י. געלפאנד, 158 ו. 27טע סט.
גערשאנאוויץ ענד סטוירמאן, 25 ו. 31טע סט.
מ. גאלדבערג, 66 דיווידזשאן סט.
לואי גאלדסטיין קא., 224 ו. 35טע.
גאלדסטיין ענד אנגער, 38 א. 9טע.
גרייבער ענד וואולף, 118 ו. 22טע.
גראף ענד איידמאן, 229 זיבעטע עוו.
גראף, בוירנסטיין עוד רובין, 130 וועסט 25טע סט.
הערי גרינבערג, 152 ו. 25טע סט.
גרינבוירג ענד בוירנסטיין, 48 וועסט 25טע סט.
האלפערן ענד קא., 18 ו. 21טע סט.
הענלי קלאוק ענד סוט קא., 28 א. 10טע סט.
העלער, 45 א. 8טע סט.
הערמאן ענד ראזענטאל, 152 ליבערטי עוו., ברוקלין.
האכבערג ענד ראזמאן, 142 וועסט 62טע סט.
הארוויץ ענד מאנדעל, 107 וועסט 25טע סט.
וו. מ. איצקאוויץ, 15 ו. 20טע סט.
לואיס קאם, 38 א. 8טע סט.
קאפלאן ענד קאהען, 63 ו. 14טע.
קארעש ענד קארעש, 151 ו. 26טע.
קאופמאן ענד קאופמאן, 132 וועסט 36טע סט.
מ. קליפסטיין, 1372 בראדוויי.
קראל בראס., 261 ו. 35טע סט.
לעווין ענד לעווין, 109 ו. 26טע סט.
ב. ליוויי ענד סאן, 11 ו. 32טע סט.
וו. גארדאן לייענס, 1351 בראדוויי.
מארגאלין ענד סטיין, 265 ו. 36טע.
מעלראוז גוירל קאוט קא., 48 וועסט 25טע סט.
מעראלא, 49 ו. 3טע סט.
מילער, מאנדעל ענד קא., 213 וועסט 35טע סט.
מילסטיין ענד וואגעל, 164 וועסט 25טע סט.
מאו מאנטאג, 17 א. 12טע סט.
מאעזס ענד איידעלסאן, 13 וועסט 31טע סט.
לו מאריי, 83 דיווידזשאן סט.
נ. ענד ק. גארמענט קא., 130 איסט 7טע סט.
מאריס וו. ניידעל, 36 א. 9טע סט.
ה. פענקין, 254 ו. 35טע סט.
פוירל קאוט קא., 28 ו. 15טע סט.
פאסעס ענד סטאמלער, 115 וועסט 30טע סט.
מאריס ראפאפארט, 142 ו. 26טע.
ר. סאדאווסקי, 1372 בראדוויי.
סענדער ענד סייקעל, 145 ו. 30טע.
ס. שיב, 537 בלייק עוו., ברוקלין.
י. שידלינגער, 127 ו. 27טע סט.
שווארץ ענד לעווענדארף, 8 וועסט 30טע סט.
שווארצבערג ענד שווארץ, 54 וועסט 23טע סט.
בענדזש. שאפירא, 151 ו. 30טע.
שאפירא קלאוק האוז, 55 א. 11טע.
ס. שייב, 537 בלייק עוו., ברוקלין.
שוואך ענד סטרינגער, 30 א. 9טע.
א. שיפמאן ענד סאן, 150 וועסט 22טע סט.
מ. שער ענד קא., 132 ו. 21טע סט.
ס. שלאס, 296 א. 3טע סט.
דזש. שאר, 1968 פראספעקט עוו.
שולץ ענד גאלדסטיין, 39 ו. 8טע.
מאריס שטראסמאן, 500 7טע עוו.
סטרומוואסער ענד מייראן, 7 וועסט 30טע סט.
ע. ל. טאננענבאום, 38 א. 29טע סט.
וו. ג. קלאוק קא., 55 ו. 8טע סט.
וואלדער ענד קאנטאר, 58 ו. 15טע.
ד. וואלאך, 375 בלייק עוו., ברוקלין.
א. וואטערסאן, 29 ו. 30טע סט.
וועקסלער ענד גוטענטאג, 59 איסט 9טע סט.
ווילק ענד בעקער, 135 ו. 27טע סט.
וואולף ענד סטיינבערג, 28 ו. 62טע סטריט.
דייוויד זימעט, 500 7טע עוו.
ב. זימערמאן, 31 ו. 26טע סט.
אלעקסאנדער סמיטה ענד וואגנער, 108 ו. 25טע סט.

קורצע שמועסען

(שלוס פון זייט 9)

פארוואורף, דאס איהר זיינט ניט בעסער, ווי די קאמוניסטען, ווייל איהר, ווי זיי, מיינט ניט אזוי די טובה פון דער יוניאן, ווי די מעגליכקייט צו פראפאגאנדירען אייער אנארכיסטישען אידעאל. דאס איז איבעריגנס אונזער פערזענליכע מיינונג, מיט וועלכער איהר האט געוויס א רעכט ניט צו זיין איינפארשטאנען, און וואס שטערט אונז ניט אנצוערקענען פון אונזער זייט. דאס וועניגסטענס די כונה פון אייער טעטיגקייט איז א זעהר, זעהר גוטע.

א. — לויט דעם פראגראם, וואס איהר האט אונז צוגעשיקט, דארף מען פיל ערווארטען פון די דריי ביכער, וואס איהר קלייבט זיך אין גיכען ארויסגעבען. אבער דערווייל קענען מיר נאר אייך ווינשען ערפאלג אין ערפילען די אלע שעהנע פארשפרעכונגען. ווען זיי וועלען ערשיינען, און מיר וועלען האבען די מעגליכקייט און געלעגענהייט, וועלען מיר געוויס ניט פארפעהלען צו געבען זיי דעם שבח, וואס קומט זיי. איצט, איידער זיי זיינען נאך ערשינען, קענען מיר ווירקליך ניט נאר ניט זאגען אונזער מיינונג, נאר מיר קענען זיך ניט ערלויבען זאגאר צו געבען א קליינעם נאטיץ וועגען זיי, כאטש, לויט מיר ווייסען, פיהרען זיך אנדערע צייט־שריפטען גאנץ אנדערש אויף. מיר אבער האבען עס קיינמאל ניט געטאן. מיר מוזען זעהן פריהער די ביכער, און זיין איבערצייגט, דאס זיי פארדינען פון אונזער זייט א רעקאמענדאציע צו די לעזער. עס איז פשוט, אונזערע לעזער האבען ניט קיין צופיל געלט אויף ביכער, און אויב זיי קויפען שוין יא אמאל א בוך דורך אונזער רעקאמענדאציע, דארף אונזער געוויסען זיין רוהיג, אז זיי האבען פאר זייער געלט עטוואס, וואס איז ווערט דאס געלט. מיר לאזען אבער איבער אייער בריף פאר דעם ארייקומענדען רעדאקטאר, און ער קען האנדלען, ווי ער פארשטעהט.

ה. ג—מ י ן. — מיר האבען שוין אין לעצטען נומער „גערעכטיגקייט" ערקלערט, אז מיר האבען ניט געוואוסט פון דעם אפשידס־באנקעט פאר אונז ביז מיט א פאר טעג פריהער. אבער, ווען מיר וואלטען אפילו יא געוואוסט, וואלטען מיר גארניט געקענט זאגען. ווער יע און ווער ניט זאלען זיין די איינגעלאדענע. דאס איז געווען אין די הענט פון א ספעציעל־באשטימטער קאמיטע, וועלכע האט איינגעלאדען די סאמע נאהענטסטע צו אונז, לויט איהר מיינונג, פארשטעהט זיך. אלזא, איהר דארפט אויף קיינעם קיין פאראיבעל ניט האבען, און אויף אונז אודאי ניט.